STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13658

ALE VERK FUN MOSHEH KULBAK.

Moshe Kulbak

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה קולבאַק

Kulbak. M

אַלע ווערק

פון

משה קולבאַק

Works

באַנד II

Vol. II

ווילנע — 1929

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

מ ש ה ק ו ל ב אַ ק

פּאָעמען און לידער

ו ו י ל נ ע — 1 9 2 9

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

Printed in Poland

M. Kulbak — „Poemen un Lider“

Drukarniu „Wydawn. Wilenskie“
B. K l e c k i n a

דרוקעריי „ווילנער פארלאג״
פון ב. קלעצקין

אינהאַלט

זייט

שיכורע פאַרטאָגן:

וועלפּישע לידער 9
וועלט 14
וואָס מיר שטאַרבן 16
עֲשָׂרָה דִּבְרָיָא 17
אין אַ יאַדלאָוון וואַלד 18
איך בין אַרויס אין אָדר־פעלד . . 19
עס זויפט דאָס האַרץ דיין שוואַרצע
שיין 20
ס'האָט אויפגעשוימט אין מיר . . 21
צווישן פעלדער 22
וועסנעדיקס 24
אַ דודע (דאָס קלאָג־ליד פונם אַלטן
רייַס) 25
איך בין אַ בחור אַ הולטיי . . . 33
זומער 34
רייַסן (פּאָעמע) 37
בוניע און בערע (פּאָעמע) . . . 63

פייערלעך קליינע:

געזען האָב איך יידישע ווערטער . 109
תּשרי 110
אַ שטיל געזאַנג אין אָוונט־בלוי . 111
שטומט, צווייגעלעך, שטומט . . . 112
עלנט־ליד, דו זוכסט דיין רו . . 113
מנחה 114

זייט

געשרייען 116
איצט איז נאָך מיין שטיבל באַהאַנ־
געגען מיט אייער 117
האָסטו ברויט 118
דאָס רעגנדל טריפט 120
דער נאַכט־געוועלב איז אויסגעגאָסן
קאַלט און רונד 122
ווען כ'האָב פאַר זיך דעם לעצטן
טויער 123
אַ לבנה נאַכט 124
געזאַנגען אומקלאָרע 125
אפשר זינג איך 126
אין גאָרטן, ביינאַכט 127
ווער גייט אין סאָד אַצינד . . . 128
אַ לבנה־נאַכט 129
עס טרעפט 130
הונגער 131
אחד־העם 132
זון־פאַרגאַנג 133
גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן 134
איך טראָג עס נייס אין יונג געמיט . 135
ס'לייכט ליכטיק־לינד דיין זעל . . 136
די ווייכע אַקסלען ציטערן . . . 137
אַ בן־מלך האָט זיך פאַרשטעלט . . 138
רייסיש 139
וועסט אָנטאָן דיין גילדערנעם רינג 140

	זייט
די חתונה (פאָלקס-מאָטיוו)	141
מיר האָבן, ליבסטע, ביים שפּאַצירן	147
דאָס ציגעלע	148

ווי אַ מאָכיקער שטיין:

שטומקייט	151
די הייל	153
עס האָט אַ מענטש	155
זינגער תּכלתדיקע	156
צווײ	157
דאָס לֶצל	158
דערקענטעניש	160
אייביק, אייביק	161
אַחר (פּאָעמע)	162
כוואַליעס	561
קליינע קלעזמער	167

	זייט
אין שענק	168
לידער פון אַן אָרעמאַן	170
ווילנע (פּאָעמע)	178
ל"וו (פּאָעמע)	185

אונטער דעם פאַרוויכערטן הימל:

אַ באַל	203
קריגער, דיין שווערער פאַרבערעכן	205
קולטור	206
הענג אַרויס די שוואַרצע פאָנען	207
אַ ליד צו רוסלאַנד	208
אין פאַבריק	209
אי, חבר, אי, חבר!	210
ערד	212
די שטאָט (פּאָעמע)	216

שיכּורע פֿאַרטאָגן

וועלפֿישע לידער

1

איך וועל מיינע וועלפֿישע ווערטער דערציילן
פֿאַר מיינע פֿיר איילן, פֿאַר מיינע פֿיר איילן.
ס'איז ליימיק מיין אויער, צעפּאַטלט און גרויס
און ער הערכט, וואָס דאָס האַרץ ווײנט אַרויס.

אָ, גאָט, פֿאַר אַן אומריינעם וועלפֿיש געהייל
איז ניט פּאַסיק דאָס מענטשישע מויל.

כ'האָב אַ גרינלעכן פֿלאַם, וואָס ס'פֿאַרשוואַרצט אים
דער בליק,
און אַ הונגער, וואָס צוקט פֿון געביין;
כ'האָב אַ לוגיקן טראָט
און אַ קנאָכיקן האַרטן געניק. —
העי,
כ'וועל דערציילן מיין פּיין פֿאַר די וועלף,
גאָט!

2

בלוי צינדט זיך דער שניי אויף דעם פּאָספּאָרנעם געגנט.
ווײ, ווײ,
ס'האָט אַ וואָלף מיט דער וועלט זיך געזעגנט.

„איך פּײַף אויף דעם וועלפּישן שטאַם,
ווייל אַ וואָלף איז נאָר איינער — — —
איר, איר, כ'האָב געבראַכט אײַך דעם גיפט,
געמיינט, אַז מען שפּייט, ווען עס האָט נאָר געברענגט —
איר האָט מיך פאַרוואָרפן מיט שטיינער.
ס'איז אַ וואָלף ניט קיין וואָלף, ווען ער טראָגט נאָך
די פעל אויף די ביינער!“

בלוי צינדט זיך דער שניי אויף דעם פּאָספּאָרנעם געגנט.
ווײ, ווײ,
ס'האָט אַ וואָלף מיט דער וועלט זיך געזעגנט.

3

צוריק באַטאַפּט די לבנה די פעלדער,
עס כוואַליען זיך גרינע די שנייִקע פליינען
און ס'שטאַרצן פון טיפעניש קאַלטע, צעפּאַטלטע
וועלדער — — —

בעדערלעך איינציקע ווייען, פאַרווייען,
און ווייט, העט ווייט, גלאָצט אַרויס פון די טרוקענע שנייען
אַ קנאָכיקער וואָלף אַ געמיינער
דורך גרין אויפגעשניטענע אויגן,
אַ וואָלף זויגט אַרויסעט דאָס בלוט פון די אייגענע ביינער
און וואָיעט, און וואָיעט, און וואָיעט
צום הימל געשריגן...

העי, העי, שווער צו טראָגן הויך דעם קאָפּ
דעם באַטשופּרינעטן!
און דאָס גראָבע האַרץ דאָס שרייַקע — — —
איך וועל אַוועק צום דאָרף דעם אויסגעמאַגראָלינעטן
און אויף די פעלדער, אין די גרטענער די מאַיקע
אַ טאַנץ טאָן הפקרדיק, אין טרויעריק, און שטומערהייט —
אַ שריי טאָן, שרייען מיט אַן אָטעם אַ פאַרכלינעטן
פון יעדן קוסט, פון הינטער יעדן בייט:
העי, העי, שווער צו טראָגן הויך דעם קאָפּ
דעם באַטשופּרינעטן!

ווייל ס'קלינגען הונגער־טעג, ווי קייטן בלייַקע,
און ס'זינגען פרייליך קייטן צו איבעראַיאָריקע...
העי, העי, אָט דאָס גראָבע האַרץ דאָס שרייַקע
קערט זיך, ווי אַ וואָלפיכע, אין אַ ברוסט אַ האָריקע.
איך וועל אַוועקיאָגן אין וואַלד איך אַלע פיר
אַ טאַנץ טאָן הפקרדיק, אין טרויעריק, אין שטומערהייט,
און פון דעם קרומען מויל דעם איסגעמינעטן
וועט טויב אַרויסשרייען דער וואַלד פון מיר:
העי, העי, שווער צו טראָגן הויך דעם קאָפּ
דעם באַטשופּרינעטן!

5

העי, אַ וואָלף אין דער שטאָלענער עלנטקייט
ברעכט האַלז און געביין,
העי, אַ וואָלף אין דער שטאָלענער עלנטקייט
טראָגט די גאַל אין די ציין.

און ער וויינט אויף די וועגן יעסעניקע
אָפּגעמאָרעט אין פּיין,
און ער וויינט אויף די וועגן יעסעניקע:
אַליץ איז מיין! אַליץ איז מיין!

און ער וואָיעט ביינאַכט צו די פייערן
פון אַהינטער אַ פּלויט,
און ער וואָיעט ביינאַכט צו די פייערן:
גיט ברויט! גיט ברויט!

העי, אַ וואָלף אין דער שטאָלענער עלנטקייט
ברעכט האַלז און געביין,
העי, אַ וואָלף אין דער שטאָלענער עלנטקייט
טראָגט די גאַל אין די ציין.

* * *

וועלט!
אין טויזנט פנימער פארשטעלט
איך גיי צו דיר אויף טויזנט וועגן —
וואוהין? איך ווייס ניט וואו...
איך וויל אינגאנצן דיך פאר מיינעטוועגן,
איך בין דו!
דער פרישער רוף
פון דיינע זאפטיק־רויע פליינען
רינט טיף אין מיין געמיט;
איך הויל ארומנעמען דיין מעכטיק־ווילדן גוף
פון פלאנצן
און געשטיינען
און באלנדיק צעקושן דיינע טריט,
און האבן דיך אינגאנצן.

וועלט!
איך גיי א שיכורער דיין גוטס אנטקעגן
פון אלץ זיך אויסגעטאן,
און הפקרדיק, מיט זיך,
צעשטראלט, צעהעלט, —
איך גיי אויף דיינע טויזנט וועגן
דו ביסט איך!
דער שיין פון צייטן
אין קערפערס שווערע א פארפרעסטער

ווי אַלטער ווײַן אין לײַמענעם געשיר,
פּלײצט קלינגעוודיק פון טיפן און פון ווײַטן.
אַ לויטער־בּרויזנדער אָרקעסטער
האָט אויסגעקוועלט
און בּרויזט אין מיר.

וועלט!
איך וויל צעגאַנגען זײַן אין טיפן ניגון,
פון הויט און בּײנער
אויסגעטאָן,
זיך ציטערדיק צעוויגן —
אַ לויכטנדיקער טאָן,
כאָטש כ׳מעג אַ שטײן פון דײַנע שטײַנער
אויף אַ בּית־עולם ליגן...

יאַנואַר 1920.

* * *

וואָס מיר שטאַרבן, ווען מיר שטאַרבן?
ס'איז אַ שפּריצעניש
פֿון פֿאַרבן.
ס'איז אַ בײַט: —
פֿרייד אויף קלעמעניש
פֿון לעבן;
ס'איז אַ נעמעניש
און געבן
אין דער צייט...

עֲשָׂרָה דְבֵרְיָא

געהאַט האָט דער ייִדע אַ קרוב אַ טרייבער פון בערן,
אַ ייד, וואָס פלעגט מאַכן קאָנצערט אויף די גרויסע ירידן.
דעם בער פלעגט דער קרוב בייטאָג אויף די קייטן פאַרשמידן,
ביינאַכט פלעגט ער טאַנצן מיט אים ביי דער שיין פון די שטערן.

מען האָט אים געגעבן דעם נאָמען עשרה דבריא:
די קנאָכיקע הענט ביז די קני, מיט אַ שאַרבן אַ גלאַטן,
אַן אַלטער פאַרשלומפּערטער קאָפּ אויף אַ גוף אַ האַרבאַטן,
און דאָס האָט געטראָגן מיט פעל און מיט שוויים, ווי אַ חיה.

איז ער געגאַנגען ביינאַכט מיט דעם בער אויף די וועגן;
עשרה פאָראויס און דער בער פלעגט אים הינטן באַגלייטן,
און טאָמער אַ באָרוועסער פויער קומט זיי אַנטקעגן —
אַ בורטש האָט געגעבן דער בער און אַ קלונג מיט די קייטן.

עס זיינען געשטאָרבן פון פּיין ביי עשרהן די ווייבער;
ביינאַכט פלעגט ער אויסטאָן זיי נאַקעט און אָנהייבן שלאָגן,
דאַן האָט זיך געהערט אויפן דאָרף אַ פאַרטייעטער קלאָגן
און חברה־קדישא פלעגט וואַשן די בלוט פון די לייבער...

די דרייצנטע ווייב האָט געשמט פאַר אַ וועדמע אין ליטע,
זי האָט אים אַ טאָכטער אַ יאָר נאָך דער חופּה געבאָרן,
עשרה דבריא האָט אויסגעצאַפּט שטיל אירע יאָרן,
מען האָט פון דער וועדמע די ביינער געלייגט אויף דער מיטה.

געווען איז עשרה דבריא אַ טרייבער פון בערן,
אַ ייד, וואָס פלעגט מאַכן קאָנצערט אויף די גרויסע ירידן.
דעם בער פלעגט עשרה בייטאָג אויף די קייטן פאַרשמידן,
ביינאַכט פלעגט ער טאַנצן מיט אים ביי דער שיין פון די שטערן.

אין אַ יאַדלאָוון וואַלד...

שטיל. וואו עס פּינטלט רויט
אַ פּאָזעמקע...
און וואו עס קלעטערט שטילערהייט
אַ ווערעמל
אין דעם צונויפגעגנעם פון צווייג צו צווייג
די קנאָכיקע,
אין דעם געפלעכט פון שטאַם און וואָרצלען
מאָכיקע...
און טיף איז די געדיכטעניש די האָריקע,
די פּעטערדיקע —
עס איז אַ קוועלעניש אַ מוכאָמאָריקע
ביי די קאָרטשעס
די גרינבערדיקע...
און וואו עס טוט אַ שושק
אַ גרעזל צו אַ גרעזל,
אַ קלונג,
אַ פלושק
אַ מידער קוועלכעלע,
און וואו עס טוט אַ שפּרונג
אַ בידנער העזל, —
אַ קער דאָס גרויע פעלכעלע
דורך פּאַפּאָרטניק,
אין קאַלטער קראָפּעווע,
אויף אַלטער פוילעניש...
און שטיל,
און קיל
הילכט אָפּ אין וואַלד
דאָס בלוי־פאַרהוילעניש...

* * *

איך בין אַרויס אין אָדר־פעלד מיט שוואַרצער ערד זיך נערן.
דאָס לעפלעך גאָלד האָט זיך צעשפּ־יצט פון טיפן בלוי, ווי
פערלדיקע טרערן;
דער שניי, ווי טיכער וואָלענע, האָט קראַנק געטעמט אין
די קילע טאָלן,
און ס'האָט דאָס פעלד געמורמלט פון זיין שלאָף און טי=
פערהייט געקוואָלן...

איך האָב זיך צוגעהערט צום טראָפּן־פאַל מיט אַ פאַרבאָרג'=
נעם ציטער:
עס טוט זיך וואָס אין פרייד. עס שעפּן זאַפט די נאַקעט=
פעטע ריטער;
בעריאָזקעס האָבן עפּעס טיפע גוטס פון זיך אַרויסצוזאָגן:
און שווערע דעמבעס קעכלען זיך: די אַלטע ביינער דאַרף
דערטראָגן!

רויק שלעפּערן די גרינע נעסט־שטיבלעך אויף הויכע ביימער,
מיט פויגל־מיסט פאַרפלעקטע... ס'בלויט. ס'ווערט גרינגער און
גערוימער,
ס'קוועלט מיט קנאָספּן שיכורע, מיט פייכטער ערד און רויע
צווייגן,
ת'פליעסקעט זיך דאָס פרילינגס־גאָלד אין האַרץ, אַז ס'גלוסט
זיך שווייגן...

* * *

עס זויפט דאָס האַרץ דיין שוואַרצע שיין
און רייסט זיך ווי אַ וואָלף פון שטייג,
נאָר ס'איז מיין צונג געליימט פון פיין,
און כ'שווייג.

איך „שווייג... דער פלאָם פאַרשליסט דאָס מויל,
נאָר זיי מיר מוחל פאַר דער שעה,
ווען אין אַ פייערדיקן קנויל
מיר וואַלגערן זיך דאָ.

זיי וויסן: כ'בין אַ זון פון די,
וואָס צינדן שטעט און בלענדן און פאַרסמען,
וואָס ליבן נאָר דעם אינדערפרי,
און ליבן פלאַמען...

* * *

ס'האָט אויפגעשוימט אין מיר דער אַלטער ווײַן,
פֿון גרונט ביז גרונט.
עס שפּריצט מײַן פֿרייד, פֿון טויזנט קוואַלן שטראָמט די שײַן
אַדורכן אויפגעפּראַלטן שפּונט...

איך שלינג די מידע וועלט, דעם מענטש מיט האַק און פּאַק,
און מיט זײַן גאַל און טויבן-בליק.
כ'בין זון, כ'בין טוי. כ'גיי אום אַ דעמב אין פּראַק.
איך בין דאָס גליק.

דאָס שפּראָדלענדע געזאַנג פֿון ווערן, וועלן זײַן
פֿון מיר האָט אויפגעהעלט;
ס'האָט אויפגעוויירט אין מיר דער אַלטער ווײַן,
כ'בין שיכּור פֿון דער וועלט!

צווישי פעלדער

באַגינען, אין וועג, צווישן פעלדער.
אַ ביס פון דעם ברייטל — דעם הונגער געזעטיקט,
און ווייטער געאײַלט זיך אין וועג.
כ'האָב קיינמאָל צו גאָרניט פאַרשפּעטיקט.

גוט, אַזוי גוט איז צו זיין אונטערוועגנס.
אָט גלאַט אין דער וועלט אַריין שפּאַנען און שפּאַנען
סיי שבת, סיי וואָך צווישן פעלדער און וועגן,
דו ווייסט ניט וואוהין און דו ווייסט ניט פון וואַנען

און טרעפסטו אַ פויער אַן אַלטינקן ערגעץ,
באַקלאָגסטו זיך אים אויף דעם מזל פון מענטשן:
„טשי טשויעש, מאַנילאַ, זיי עסן כסדר,
און מיר — איך און דו — דאַרפן בענטשן"...

נאָר ס'ענטפערט דער פויער: „עך, דורען, טי דורען,
וואָס איז ער, דער מענטש? — אַ צעבראָכענער שאַרבן!
זיי פוצן די שטיוול און טראָגן די שניפּסלעך,
נאָר סוף-כל-סוף מוז מען דאָך שטאַרבן".

„בייקעס, ברודער, בייקעס, —
ענטפער איך שוין מיט התלהבות, —
שעם זיך, כ'לעבן, בראַט מאַנילע,
הער זיך אײַן צו דעם אַרומעט
אויף טשיקאַוועס;
ס'טראַלאַלאַיקען באַלאַלאַיקעס
אין די דערפער און די שטילע,

דאָך איז עפּעס אַזאַ אומעט!
ער! ס'איז עפּעס אַזאַ אומעט...

גייסט און גייסט
פרעג דיך ווען און פרעג דיך וואו,
אַרום דערפער, אַרום שטעט,
און דו ווייסט ניט, און דו ווייסט,
ווער ביסטו און וואָס ביסטו...

אויף דער גרויסער, רויער ערד
פיטערט מען זיך אָט אַזוי,
ווי בהמות און ווי פערד
און מען וואַקסט מיט יעדן טוי...
ס'טרעפט — מען נעכטיקט אין אַ שייער
סתם אַזוי, אויף לייטס בעראַט,
פלוצלונג ווערט דיר עפּעס טייער,
ס'מאַכט ניט אויס,
צי דער טייוול, אָדער גאָט.

גייסט אַרויס: —
ס'אַ הייליקער באַגינען!
ראָז און ראָז און מער ניט ראָז,
סיי די שוואַרצערד, סיי דאָס גראָז...

פאַלסטו צו צו רויער ערד;
ווערסט פאַרשיכורט פונם מיסט.
פונם זאַפט, וואָס פליסט
און יערט,
און שרייסט אויס פון גאַנצער ברוסט:
ס'איז אַ וועלט אַזאַ פאַראַן!
און איך, דער נאַר, האָב ניט געוואוסט...

.1919

וועסנעדיקס

ס'ליגן ברייט, ס'ליגן גרויס מיינע באָרוועסע טריט
אויף דעם פעלד, אויף דעם שוואַרצן.
ס'איז מיין לייב אָט די ערד. כ'בין אַ ראָזעווע ליד
פון איר האַרצן.

שטראָמיק כליופּעט מיין הונגעריקער גאַנג אינדערפרי.
כ'שפּרייט פונאַנדער די הענט!
טראַלאַלאַ, טראַלאַלאַ!
ס'האָט די שטראַליקע וועלט ניט קיין ווענט.

העי, אַהינטער די פּיס, וואָס צעטרעטן מיר,
אַ לויב צו דעם שיכורן לעבן — — —
איך שפּרייז און איך לאַך אין אַ אַיעטווידער טיר:
האָט איר גאָרניט געזען?
האָט איר גאָרניט געהערט?
ס'האָט די וועלט זיך מיר אונטערגעגעבן...

אַ ד ו ד ע

דאָס קלאָג־ליד פֿונ׳ם אַלטן רייס.

דו — דו — דו — דו —
דו — דו
דו — דו — דו — דו —
דו — דו —

1

מ ז ל

העי, כ׳וועל אויפֿשפּילן מיין בּידנעם מזל אוי פֿיִדער דודע,
דו–דו–דו –
און כ׳וועל צוקרעכטשען מיט קרעכטשענסאָוועס פֿונם בּרוינעם וואַלד,

און כ׳וועל צווּיפּצן מיט זיפֿצן,
ווי אַ ריי פֿון בּושלען פֿליענדיק צום גרינעם ים...
אָ, וועלכע קאָרטשעס זיינען אומגעפֿאַלן ניט פֿון שטורעם־ווינט?

— די ציינער פֿון מויל.
און וואָס איז ווייס געוואָרן, ניט געווייסטערהייט?
— מיינע פֿאַטלעס האָר.
און וועלכער לאַנגער פֿיש איז פֿאַרבּליבּן אָן אַ טייך?
— איך, דער דודער פֿון רייסן...
דו–דו–דו–דו.

2

ר אָ ב

באַגעגנט ביים ברעג פון וואַלד האָט מיר אַ ראָב —
ווייס ווי שניי.
וואָס איז ער געשטאַנען ביים זייט פון ברעג און
געקוקט אויף מיר?
איז ער ווייס געוואָרן פון פיין, דער ראָב דער פינסטער־ער,
איז ער אַ שליח אויסצולוגן אויב די געטער האָבן
אונז פאַרלאָזן?

און הער זיך איין — — הער זיך איין — —
וואָס רופט אַזוי די גרויע קוקאַווקע פון וואַלד?!
אָ, מיכאַילאָ, מיכאַילאָ — —
ניט זי רופט, די גרויינקע, נאָר זי זאָגט פאָראויס:
— עס וועט אונטערגיין דער אַלטער שבט פון די רייסן:
עס וועט ניט איבערבלייבן אַ פויערל פון זיי,
ניט אַ שטיין פון אַ כאַטע, ניט אַ קאָרטש אין פעלד...
דו—דו—דו—דו.

3

ו ו י ל י ע

כ׳בין געלעגן ביי דער ווילִיע. זי האָט געטרונקען,
די מאַמעשי, פון דער לבנה.

כ׳האָב אַרויסגעקוקט און געפרעגט ביי איר:
צי וועט ביאַלון, ביאַלון אונז ניט צאָרענען?..
אָ, ער זיצט שוין ניט אויף די שטערן, ביאַלון,
און ער שווימט שוין ניט אין די הימלען,
ווי אַ העכט אַ זילבערנער, ווי אַ שלייען אַ גילדערנער...
דו — ביי וואָס זיינען מיר געבליבן? דו–דו–דו.
מיר זיינען געבליבן ביי אַן עמער, וואָס מען קען
מיט אים ניט שעפּן,
ביי אַ לאָפּעטע, וואָס מען קען מיט איר ניט גראָבן,
און ביי אַ וואַסער, וואָס מען קען אים ניט אַריבערגיין...
העי, דו — דו — דו — דו.

4

ב ע ר ד

יעזוס האָט געהייסן אונטערשערן די קורלאַטע קערק,
דו — דו – דו — דו.
יעזוס האָט געהייסן אונטערשערן די לאַנגע בערד,
אָ, ווײ, כ׳האָב קוים די דרייצן האָר אונטער דער גאָמבע
אויסגעכאָליעט,
ווייל אַ באָרד גיט חכמה צו דעם מענטשן...
און איר, איר אַלטע רייסן, איר בכבודיקע,
הענער אָפּגעקראָכענע, פעלדער אָפּגעקאָשעטע,
זעט די געטער צו.
ס׳האָט ביאַלון געלויכטן מיט דער קאַלטער באָרד,
און אַליין דער יעזוס טראָגט אַ בערדעלע, אַ בלאָנדע...
דו — דו – דו — דו.

5

פֿאַנטעלעי, יעמעליאַן און טיט...

פֿאַרוואָס שווייגט אויף דער אַסיפֿה פֿאַנטעלעי פֿון קריהיטשי?
ער וואַרעמט הינטערן איוון די לאַנגע באָרד, די געלע באָרד...
און פֿאַרוואָס שווייגט יעמעליאַן פֿון קאָבילניק, דער הויכגע-
וויקסיקער?—

באַלאָדן שטייען זיינע קיילעכדיקע בינשטאָקן,
און די ציגן זיינע ברעננען אים זיבן מאָל זיבן...
און דו, טיט פֿון לוהאַוויע, דו הוליאַקע,
פֿונם שווערן קובל טרינקסטו בראַנפֿן אויף די חתונות
און דיין דודע וואָיעט, וואָיעט, ווי אַ וואָלף — —
אָ, זאָל מען אָנזאָגן אין לאַנד, אַז ס'איז ביאַלון
אַוועקגעגאַנגען,

מיט דער טאָרבע אויפֿן פּלייצע
און מיט דעם שטעקן דעם בעראָזעווען אין האַנט...
דו — דו — דו — דו.

6

פאַרוואַנדלונג

אויף די פעלדער קלאָגן די קורהאַנעס, אויף די בערג –
די פירשטלעכע קברים,
אין די וועלדלעך די אַלכאָווע באַווייִנען דעם גורל פון רייכן
די צונויפגעהויקערטע שאָטנס פון די אָבות...
דו — דו — דו — דו.
אָ, איך וועל אַליין מיר אויסגראָבן אַ קבר ביים ווילִיע
און כ'וועל אַ ליאַק מיט בראַנפן מיטנעמען צוקאָפּנס;
די קאָסע — צו דער רעכטער זייט,
די דודע — צו דער לינקער זייט,
און ווי דאָס פייערל, וואָס איז געוואָרן אַ בוטשאַן
און ווי אַליאַסינקע די סאָווע
וועל איך אויך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גרויען שטיין. —
העי, דו — דו — דו — דו.

7

י ע ז ו ס

ער איז געגאַנגען בײַ די פעלדער, דער גאָט פון ירושלים.
מיר זײַנען אים אַרויס באַגעגענען מיט ברויט און זאַלץ.
דו — דו — דו — דו. —
עס האָט דער נײַער גאָט בײַ אונז געפרעגט:
— װער איז אײַער טאַטע?
װער איז אײַער מאַמע, װער — די ברידער אײַערע?
אָ, אונזער טאַטע איז דער װאַלד, דער יאַדלאָװער,
אונזער מאַמע — די װיליע אין זײַדענעם קלייד,
און די ברידערלעך — דער ברוינער ראָב און די סאָװע — —
ער האָט אויסגעצויגן דעם לאַנגן פינגער צום הימל,
נאָר מיר האָבן דאָרטן גאָרניט געזען...
דו — דו — דו — דו. —

8

פּאַנטעלעי, יעמעליאַן און טיט...

אָ, איר קומט אַרויס פון די כאַטעס באַוויינען אינזער שבט,
דו, פּאַנטעלעי פון קריוויטשי,
און דו, יעמעליאַן פון קאָבילניק, און דו, טיט פון ליהאַוויע.
דו — דו — דו — דו —
ביאַלון וועט ניט איבערקערן דעם גילדערנעם בעכער זיינעם,
די פעלדער אָנצוטרינקען מיט אַ גרינעם וויין — —
און באַלד, באַלד — —
פאַרשליסן וועלן זיך אונזערע אויגן פון זען,
ווייל עס קלאָגט דער דעמב,
די אַספּע איז מיט בלוט פאַרלאָפן אונטער דער קאָרע
און דער בושל שלאָגט מיך מיט אַן אַייזערנעם שנאָבל אין
האַרצן.
מיכאַילאָ! מיכאַילאָ!

דו — דו — דו — דו —
דו — דו
דו — דו — דו — דו —
דו — דו —

איך בין אַ בחור אַ הולטיי...

איך בין אַ בחור אַ הולטיי,
האָב איך מיר אַ שטעקן,
טריי-ריי-ריי, טריי-ריי-ריי
כ'שפּאַן אין אַלדע עקן.

קום איך צו אַ קרעטשמע צו,
קלאַפּ איך אָן אין טויער,
„ווער ביסטו? ווער ביסטו?"
ענטפער איך: אַ גייער.

— ליידיקגייער, אַזוי פרי!
חוצפּהניק פאַרשייטער...
טרי-לי-לי, טרי-לי-לי
און איך גיי מיר ווייטער.

קום איך צו אַ ברונים צו,
כ'טרינק זיך אָן מיט וואַסער,
שטיי איך אין דעם מאָרגן-גרוי,
ווי אַ האָן אַ נאַסער...

פאָרט אַ פויערל פאַרביי:
„צאָ טשוואַטש נאַ סוועטשיע?"
וויים איך ניט און טו אַ בריי:
— סוועטשיע? — פּעטשע מעטשע...

זומער

הײנט האָט די װעלט זיך אױפגעװיקלט װידער נײ;
דער גראָבער קנאָספּ, די פולע ערד, די גרינע שושקערײ —
ס'האָט אַלץ געציטערט, װי אַ שטײפער מײדל־לײב
פאַרציטערט װערט פון שאַרפער פרײד בײם װערן װײב...

און איך בין, װי אַ קאַץ, געלעגן אױפן מיט פון פעלד,
װאו ס'האָט געשפריצט, געבליצט, געפינקלט און געהעלט,
אײן אױג פאַרשמירט מיט זון, דאָס צװײטע — צוגעמאַכט,
כ'האָב שװײגעװדיק געקװאָלן, שװײגעװדיק געלאַכט...
אַריבער מײלן פלײן, און װאַלד, און טאָל —
דאָ װאַלגער איך זיך אום — אַ בלאַנקער, האַרטער שטאָל.

ר י י ס ן

א

רייסן

אָ, דער ויידע פון קאָבילניק איז אַ ייד אַ פשוטער,
אַ פויער מיט אַ פעלץ און מיט אַ האַק און מיט אַ פערד...
און מיינע זעכצן פעטערס און מיין טאַטע —
יידן פּראָסטע, יידן, ווי די שטיקער ערד!

טרייבן פליטן איף די טייכן, שלעפן קלעצער פון די וועלדער...
און דעם גאַנצן טאָג געהאָרעוועט, ווי כלאָפּעס,
עסט מען וועטשערע פאַרנאַכט צוזאַמען פון איין שיסל,
און מען פאַלט אַנידער אין די בעטן ווי די סנאָפּעס.

דער זיידע, אָ, דער זיידע קלעטערט קיים אַרויפעט אויפן אויוון,
ער איז דער אַלטיטשקער ביים טיש אַנטשלאָפן שוין געוואָרן,
נאָר די פיס — זיי וויסן, פירן זיי אַליין אים אָפּ צום אויוון...
דעם זיידנס גוטע פיס, וואָס דינען אים פון כמה יאָרן...

ב

מען קאָסיעט היי...

אין פעלד האָט גענומען שוין ציען מיט נעפּלען פון אָסיען...
אַרוים איז דער זיידע פאַרטאָג צום געמויזעכץ דאָס היי
אַראָפּקאָסיען,
איז מען בײַם שאַריען אויף טאָג שוין געווען בגילופין אַזוי
ווי די אמתע קלעזמער,
מען האָט זיך צעשטעלט זאַלבעאַכצעט, דער זיידע בראש,
און אַוועק איז אַ מזמור:
אַ שפּרייז, און אַ קער מיט די פּלייצעס, אַ סווישטש, פּונקט
עס טאַנצן אין זומפּ אַרום בליצן.
פאַר דאָס שטיקעלע ברויט — האָט דער זיידע געזאָגט —
מוז מען, קינדערלעך, שוויצן...
און כ׳האָבן זיך בלאַנקער די קאָסעס צעפּייפּט, די קאַפּאָטעס
אַראָפּ, מיט באַוואַקסענע גלידער,
אַזוי ווי די האָריקע יאָדלעס — אַ טאַטע אַן אַלטער מיט
זיבעצן לײַבלעכע ברידער...
עס צופּן די קאָסעס, ס׳צעשפּריצט זיך דער טוי, און עס
פאַלן די גרעזער אויף גרעזער אַנידער,
אַ פייגעלע זינגט אויף אַ נוס־בוים דערבײַ, אַז דער זיידע קאָן
פּשוט קיין אָרט ניט געפינען:
„וואָס זאָגסטו דערצו? נאַ דיר גאָר אַ קאַנאַריק, אַ חזן, אינ־
מיטן דערינען“...

דאָ נעמט מען זיך טאָמשען די קאָסעס, פאַרוויכערט מען,
כאַפּט מען אַ זופּעלע קוואַס פונם קריגל,
דערנאָך שטייט מען אויף מיט אַ קרעכץ... פּאָמאָהיי בּאָך! אַ
קלונג, און עס טוט זיך די קאָסע אַ שפּיגל,
באַוויזט זיך, פאַרשווינדט צווישן גראָז, טוט אַ בּלאַנק — אַכצן
קאָסעס כּסדר!...
און ס'בּויגן זיך זיכער די הענט, אָ, עס קנאַקן די שענקלען,
און פּעסט זיצט אַ יעטוועדער גדר — — —
אַזוי בּיז דער עולם דערזעט, ווי דער ריטער פאַרנאַכט לייכט
זיך אָפּ אין די קאָסעס,
טוט חברה אַ שמייכל. מען זעט שוין דעם הערינג, דעם בּרייטן,
דער בּאָבעשים קעז־סאַלטענאָסעס,
דערלאַנגט מען אַ נעם די קאַפּאָטעס, מע גייט און מע הערט
צו די וואַכטלען, וואָס שרייען,
מע גייט מיט די קאָסעס, פאַרלייגט אויף די פּלייצעס, מע
קוקט און מע שווייגט, ווי די שלייען...

ג

די באָבעשי...

די באָבעשי געווען איז אַ יידענע אַ צנועה,
אַ מייסטער פון אַ קינדלערקע — אַ קינד צו יעדן פרילינג...
און גרינג, און גאָר אָן וויען, פונקט, ווי הינער לייגן אייער
האָט זי געלייגט די צווילינגן — אַ צווילינג נאָך אַ צווילינג.
דריי פעטערס האָט די באָבעשי געבאָרן אויפן בוידעם,
צוויי פעטערס האָט די באָבעשי פאַרלאָרן צווישן אַייער,
עלף פעטערס האָט די באָבעשי געבאָרן אויפן אויוון,
מיין טאַטן האָט די באָבעשי געבאָרן אין אַ שייער...
און דאַן האָט זיך איר מוטערטראַכט אויף אייביק צוגעשלאָסן,
די באָבעשי האָט אָפּגעשענקט פאַר אָרעמע די ווינדעלעך,
די באָבעשי, די טייערע, האָט אָפּגעטאָן דאָס איריקע,
איז זי אין שטוב אַרומגעגאַנגען,
ווי אַ קאַטשקע צווישן הינדעלעך...

ד

מען טרייבט פליטן...

עס האָבן די נעפּלען פאַרווישט און פאַרשמירט אַלע דער־
פער און וועגן,
אין פעלד טאַפּט מען אָן מיטן וואַרעמען פּנים די קאַלטקייט
פון הענגענדן רעגן...
עס ווייזן זיך פלעקן פון ביימער, פון ערגעץ אַ הויף, אַן
אַסוויר פון אַ ברונען,
נאָר ס׳שווימט עפּעס אָן, עס ווערט ווייס פאַר די אויגן...
און אַלץ ווערט אין נעפּל צערונען.
אַ טרוקענער צווייג פאַלט אַראָפּ. עס איז שטיל. אַ פויגל
הייבט אָנעט צו קלאָגן:
„ס׳קומט אויסעט אין לעבן אַזויפיל אַריבערצוטראָגן, אַזויפיל
אַריבערצוטראָגן“...
די צענדליקער קוועלכעלעך פליעסקענען צווישן די בייטן און
מורמלען און ריידן,
און צווישן די נעפּלען ווייט־ווייט אויפן ניעמאַן דערהערט זיך
די שטים פונם ייִדן:

שמוליע, העי, שמוליע,
פאַרפאַטש דעם הינטן אויף סקאַרוליע!...

דער ייִדע קריכט אום מיט אַ באָרד מיט אַ נאַסער און
טאַפּט די שוואַרצועס,
די פעטערס אין נעפּל מיט לאַנגע בוסאַקעס מען שפּרייזט אויף
די פליטן,

אָט ווערן זיי נעלם. מען הערט נאָר אַרויס פון דער זייט
דעם געשריענעם שמועס,
עס טוען אַ פליעסק צפּאַטשינעס, אַ גראָב, און דער שטראָם
ווערט צעשניטן...
דער נעפּל פּילט אויסעט די לייםיקע ברעגן, ניטאָ — ניט קיין
ערד, ניט קיין וואַסער.
און ווייך איז די געגנט אַזוי, און ממשות — אַ וואַרעמער
אָטעם אַ בלאַסער...
נאָר ס'וויקלט זיך עפּעס... אָט גייען די כלערליי טאָלן און
וועלדער אַריבער,
דאָרט שטייען פאַרוויקלט די הייזער, באַדעקטע ווי מעבל אין
גבירישע שטיבער...
און אָט פלאַצט דאָ אויפעט אַ קלאָרקייט אַ גרינע... ס'ווערט
קלערער ביי זיך אין נשמה...
די זון טוט אַ לייכט. עס באַווייזט זיך דאָס וואַסער אין
ווערבעס פאַרוויינטע אין לאָמע,
דער וואַלד האָט זיך בלוי אויסגעוואַשן, איז נאַס, און דער
קאָפּ זיינער פלאַקערט,
און ס'גייט זיך אַ העלקייט ווייט-ווייט אויף אַ לאָנקע... אַ
פּייערל שטייט דאָרט און אַקערט...

אַ רחבות, אַ פרישקייט פון גראָזיקע לאָנקעס, וואָס שמעקן
און פינקלען און וויינען,
און ס'שווימען נאָך אומעט די שטיקער פון נעפּלען — חלומות
פון פעלדער און פליינען...
און ס'שווימען די פליטן געלאַסן, געלאַסן, פאַרקירעווען רונד
מיט די ברעגן,
די שטרויענע ביידלעך שטראַלן און פאַרען אַרויסעט דעם
טוי און דעם רעגן.
דערביי ליגט דער ווידע... ער הויכערט די ליולקע און זשמו-
רעט פון תענוג די אויגן:
די וואַרעמע ערד האָט זיך גלאַנציק און פעט אַזוי שטאַרק
אויסגעצויגן,

צעקעסטלט אין פעלדער, געמויזעכצן, געלבע און העלע און גרינע —
עס גיסט זיך דער דורכזיכטיק־ציטריקער פלאַקס אויף בורשטי־ניקע שטענגעלעך דינע,
די גרינקייט אויף פעלדער־קאַרטאָפל ליגט אָפּגעקילט, מאַט, אויסגעזאָטן...
און ס׳שמייכלט די קורצע די ראָזעווע רעטשקע מיט שפּרענ־קעלעך ווייסע באַשאָטן —

עס רינען די זאַפטן פון דרערד, אַז אַ שכּרות נעמט דורך אַלע גלידער,
עס שפּאַרט זיך אַ לעבן אַ שטומער דורך גרעזער, דורך וואָרצ־לען און צווייגן,
אַז ס׳האַלט מער ניט אויסעט דער זיידע, ער טוט זיך אַ נעם, אָ, ער קאָן מער ניט שווייגן,
דערלאַנגט ער אַ רעווע: טראַסציאַ אין דיין טאַטן! און נאָכ־אַמאָל ווידער:
טראַסציאַ אין דיין מאַמען: אַז ס׳כאַפּן זיך אויפעט די זין אויף די פּליטן,
מען זעט, אַז עס פּלייצן אַראָפּ פון די פעלדער די פאַרבן די הייסע, ווי שטראָמען.
עס שפּרודלט פון פרילינג אַריין אויף דער וועלט און אַליין איז מען אויך דאָ אינמיטן...
רבונו של עולם! עס טוט זיך דאָ וואָס אויף די פעלדער, וואָס האָט ניט קיין נאָמען!...

— — — — — — —

— — — — — — —

אַזוי האָט דער זיידעניו, עליו־השלום, די פּליטן געטריבן קיין פּריימן,
איז ער פאַרנאַכטלעך, אַריין מיט דער בלויער ווילע אין ניעמאַן אין וויכן,

האָט מען די שריגעס פאַרגראָבן אין זאַמד אין די שווערע שוואַרצועס פאַרבונדן,
און פייערן האָבן די פעטערס אויף יעטוועדער פּליט אָנגעצונדן.
שווייגעוודיק־מיד, זאַלבעצווייט ביי אַ פייער, אַזוי איז מען גרויע געזעסן.
געבראָכן דעם ראָזעווען ברויט און דעם באָרשט פונם טעפּל געגעסן.

ס'איז שטיל אויפן געגנט געווען. עס האָבן נאָר בלויע די וועלן געזונגען,
עס האָט נאָר דער פייער זיך הילכיק צעבלעטלט, צעלייגט, ווי אַ רויטינקער בלימל,
און ס'איז נאָר אַ פיש ווען ניט ווען פונם וואַסער דעם קילן געשפרונגען.
בלוי איז געווען, און אַ רויטע לבנה, אַ שווערע, איז אַרויס אויפן הימל.

ה

די ווילִיע און דער ניעמאַן...

בעת די לבנה צעשפּריצט זיך אין לאַנד, ווי אַ זילבערנער רעגן,
דאַן הייבט זיך אַ שטייפע געשטאַלט פון אַ ליטווין אַרויס פון דעם ניעמאַן
און ס׳שווימט, ניט געהערט, פון ווילִיע אַ טונקעלע פרוי אים אַנטקעגן.
צעוואָרפן די לאָקן, די נאַסע, מיט לאַנגע און גרינלעכע ברעמען,
באַווייזט זיך איר גליטשיקער קערפּער אַרויס פון די כוואַליעס...
עס בויגט זיך אַריבער דער ניעמאַן און נעמט זי אַרומעט,
און טוט איר אַ קוש אין די אויגן די גרינע, וואָס לייכטן פון אומעט,
און נעמט זי אַראָפּ אויפן גרונט אין די בלויע, קרישטאָלענע סאַליעס...

ו

דער פעטער אברהם פּאַשעט די פערד...

ביינאַכט איז דער פעטער אברהם געווען אויף דער וואַרטע.
דאָס פעלצעלע האָט ער געהאַט און די טאָרבע צום עסן,
ביים פייערל גרוי, ווי אַ קאָרטש איז אברהם געזעסן
און ס'האָבן געסטאַרטשעט פון אים נאָר די ביינער די האַרטע...
אַזוי האָט דער פעטער אברהם די פערד אויף דער לאָנקע געפיטערט.
געפּענטעטע האָבן זיי שווער אויפן גראָז צוגעשפּרונגען,
די שיין פון לבנה האָט ווייך אויף די שקאַפּעס געציטערט
און ווייט אין פאַרנעפּלטן פעלד האָט דער ניעמאַן געקלונגען...
דאָס טרוקענע פייערל האָט זיך אָן כוחות געלאָשן...
אַזוי ווי אין שלאָף איז אברהם באַנומען געזעסן,
אַ בוים אין אַ בוים האָט אין טונקעלער ליכט זיך געגאָסן,
און ס'האָט זיך געהערט, ווי דאָס גראָז ווערט געצופּט און געפרעסן...
און ס'האָט זיך געהערט: אויפן הימל עס רירן זיך שטערן,
אַ רויכעלע טוליעט זיי אַיין, ווי אַ וואַרעמער ניגון;
אַ ציטריקע נעץ האָט פאַרנומען דעם הימל דעם לערן
און ס'שווימען דאָרט פישעלעך, פינקלען און וויגן זיך, וויגן...
עס האָט זיך אברהם, דעם פּנים אַרויף, אויסגעצויגן:
די קאַלטע לבנה גייט אום אין אַ ראָד אין אַ געלער
און זיבעצן שטערנדלעך זיינען געקומען צופליגן.
עס ציטערט איין שטערן אַ גרינער פון אַלעמען העלער...

נאר פלוצלונג דאס שטערנדל האט זיך געגעבן א צאפל,
א פלי דאן געטאן אינם בלויען געוועב פון די שטראלן,
אזוי ווי א פונק פליט ארויס פון א בלויען שווארצאפל...
אין מאכיקן וואלד איז דער שטערן ארונטערגעפאלן.
אברהם האט עפעס א חלום א וויטן פארשטאנען — — —
דער פינקלענדער בלוי האט די געגנט די גאנצע באשאטן,
און דאן מיט א זיפץ איז דער פעטער פון דרערד אויפגע-
שטאנען
און שטיל צו די ווארעמע קליאטשעס אוועק אינם שאטן...
ער האט זיך אזוי ביי די פערד אין דער פינסטער געפארעט.
א האלז אויף א האלז האבן אלע געטעמט פארשלאפן.
דאס ליכט פון דער זייט האט אויף איינעם א פערד אנגעטראפן
און ס'האט זיך פון אים נאר די פלייצע געזען אויסגעמארעט...
דאס בינטל פון שקאפעס איז טונקל צוזאמענגעגאסן געווארן,
פארמאטערט אין שטרויענעם בידל אריין איז דער פעטער,
א טאפאל האט מאט אין דער פינסטער געשיינט מיט די
בלעטער,
און ווייט איז פארגליווערט אין שטאלן געלעגן דער קארן.
שטיל איז אברהם אויף דרערד אין דעם בידל געלעגן,
געחלומט פון דערפל, געשמייכלט צו זיך און געשוויגן.
ארויס איז פאמעלעך אין בענקשאפט זיין הארץ פון די בריגן
און ס'האט זיך דער פעטער נאך פלוצלונג צעטרעלט אין א
ניגון:

ביסט די שענסטע אין דעם דארף, נאסטאסיע,
זע,
ס'קוועלט דער גערשטן און געבעדרלט איז דער האבער
די געמויזעכצן אין נעפל פינקלען פונם טוי...
הער זיך איין,
הער זיך איין,
אין די וועלדער די יאדלאווע גייט איצט אום פארחלומט
אין לבנה-שיין
דער מאך-באוואקסענער, דער באוועסער בעל-דבר...

קום אַרויס אין ברייטן פעלד, ווען אַלע פייגלען שלאָפן
און נאָר די קוואַלן ויינען אויף,
דיין טאַטע ליגט פאַרמאַטערט פון דער אַרבעט אויפן שייער
ס'וועט וויסן נאָר פון דעם די אַלטע ריאַבינע אין הויף
און נאָר דאָס ווינטעלע, וואָס נעכטיקט אין די אייער...

ביסט די שענסטע אין דעם דאָרף, נאַסטאַסיע!

אברהם האָט אויסגעווישט שטיל מיט דעם אַרבל די טרערן...
האָט צוגעהערט טיף, ווי עס שווייגט די פאַרחלומטע געגנט:
עס האָט זיך אַ האַרץ מיט אַ האַרץ אין דער פינסטער
געזעגנט...

ז

די באָבעשי ע״ה איז אויסגעגאַנגען...

אַז די באָבעשי די אַלטיטשקע איז אויסגעגאַנגען,
האָבן פייגעלעך געזונגען,
ווייל מיט איר צדקה, מיט איר האַרץ דער גוטער
האָט די וועלט געקלונגען.

און אַז מען האָט די באָבעשי אַראָפּגעהויבן,
האָט אַיעדערער געשוויגן,
און אָן אַ קרעכץ האָט מען די גוטע אַלטיטשקע
אויף דרערד געלאָזן ליגן.

עס איז דער זיידעניו אין שטוב אַרומגעגאַנגען —
אַ טויטער שאַרבן,
ווייל ער, דער אַלטיטשקער, ער האָט איר צוגעזאָגט,
אַז ער וועט פריער שטאַרבן.

און אַז מען האָט דעם בר־מינן אַראָפּגעפירט אין שטעטל,
האָט דער דאָרף געטרויערט:
„ניעמאַ, ניעמאַ יוזש סטאַראָי שליאָמיכע“
און אויך דער פּאָפּ וואַסילי האָט באַדויערט...

נאָר אַז דער שמש האָט דאָס מעסערל אַרויסגעצויגן
צו רייסן קריעה,
דאַן האָבן זיך צעשריען, נעבעך, מיינע פעטערס,
ווי די רוצחים פאַר דער תליה.

ח

נאַסטאַסיע...

נאַסטאַסיע האָט שצאַוויע געקליבן ביים זייט פון די סטעזשקעס,
אַ מאָלצייט צו מאַכן אַנטאָשען — איר טאַטן דעם אַלטן.
ס'איז רייסן געבענטשט מיט אַ האָריקן שצאַוויע אַ קאַלטן,
מיט יאָדלעס, ווי פעלצן, און ראָבן, ווי די האָלאָוועשקעס...
דעם פאַרטעך אין האַנט גייט נאַסטאַסיע אײַנגעבויגן,
אַזוי ווי אַ קאַטשקעלע, ווייסט ניט פון שלעכטס און פון זאָרגן,
די פיסלעך באַנעצטע פון טוי און באַרוישט פון פרימאָרגן,
זי האָט פון דעם אָטעם פון דר'ערד פאַר איר חיות געזויגן.
דאַן קומט איר פון וועלדל אַ מענטש מיט אַ כאָמעט אַנטקעגן.
זי האָט אים באַקוקט פון דער ווייט מיט דער האַנט ביי די אויגן:
ער קומט אַזוי פריש, פונקט ער וואָלט אין די וועלדער גע־לעגן.
פאַרשעמט האָט נאַסטאַסיע זיך ווידער צום שצאַוויע פאַרבויגן.
דאָס קערט זיך אברהם אַהיים פון דער וואַרטע באַגינען.
„גוט־מאָרגן, נאַסטאַסיע, דיר קעלבעלע שטילע, גוט־מאָרגן!"
זי האָט זיך פאַר בושה אַהינטער די קוסטעס פאַרבאָרגן,
עס וועט זי דער פעטער, דער שווערער ניט קאָנען געפינען.
דאַן האָט זיך אברהם אַ לאָז אין די קוסטעס געגעבן,
געהערט האָט זיך ווייט זיין געלעכטער פון צווישן די בלעטער:
„דו קעלבעלע מיינע, וואו ביסטו, מיין קרוין און מיין לעבן!"
נאַסטאַסיע האָט הינטער די צווייגן געקוויטשעט פון פעטער...

„ער איז אַזוי פריש, פונקט ער וואָלט אין די וועלדער געלעגן!“
אַ ברוינער, צעהיצט מיט צעשויבערטע אייגן אין לאָקן,
ער האָט זי געפונען אין גראָז האַלב דערפרייט האַלב דער-
שראָקן.

אַ הינדעלע שרעקט זיך אַזוי אין אַ זוניקן רעגן...
האָט ער זי געטאָן דאַן אַ כאַפּ אין די אָרעמס די ברייטע,
דערלאַנגט איר אַ קוש אין דעם ציטריקן האַלז דעם פאַר-
ברענטן.

זי האָט זיך געגעבן אַ צאַפּל צו אים אַ דערפרייטע
און שטיל צו זיין ברוסט זיך געטוליעט אַלץ נענטער און
נענטער...

ט

דער פעטער איצע...

ס'האָט זיך פעטער איצע
אויסגעלערנט שניידעריי,
מאַכט ער אַלטע סערמיעגעס
פונקט ווי שפּאָגל-ניי,
מאַכט ער אַלטע סערמיעגעס,
פונקט ווי שפּאָגל-ניי,

קומט ער אין אַ דערפל אָן
מיט דער נאָדל-פאָדים,
הענגט ער אוים אַ וויוועסקע:
„דאָ פאַרריכט מען בגדים",
הענגט ער אוים אַ וויוועסקע:
„דאָ פאַרריכט מען בגדים".

זיצט דער פעטער אויפן טיש
טערקיש, תמעוואַטע,
טרענט און ניצעוועט און לייגט
אַ לאַטע אויף אַ לאַטע,
טרענט און ניצעוועט און לייגט
אַ לאַטע אויף אַ לאַטע.

אויסגעלאַטעוועט איין דאָרף,
גייט ער אין אַ צווייטן,

ביז ער לאָזט אַרויס פון האַנט
דעם געגנט אַ באַנייטן...
ביז ער לאָזט אַרויס פון האַנט
דעם געגנט אַ באַנייטן...

ס'האָט זיך פעטער איצע
אויסגעל-ינט שניידעריי,
מאַכט ער אַלטע כערמיעגעס,
פונקט ווי שפּאָגל-ניי,
מאַכט ער אַלטע סערמיעגעס,
פונקט ווי שפּאָגל-ניי...

י

ווינטער בײַנאַכט אין דער אַלטיטשקער כאַטע...

איז מען געלעגן בײַנאַכט אין דער אַלטיטשקער כאַטע,
געדרויכערט די ליולקעס די גרויסע, געברומט און געסאָפּעט.
פאַרמאַטערטע האָבן די פעטערס געקוקט תמעוואַטע,
אין שוויים איז אַ פעטער געזעסן ביים טיש און גע-
כראָפּעט.
אין שטיבל האָט קוים אַ לוטשינע אַ שטילע געברענט...
דערביי האָט דער פעטער רחמיאל די הויזן פאַרשצאָבעט,
אַ שניי האָט געכליאָפּעט אין פענסטער, אַ ווינט האָט גע-
קלאַפּט אין די ווענט,
די זאַסלינקע האָט זיך אין אויוון אָן ווענטל געסקראָבעט...
עס האָט זיך דער זיידע געדרייט אויף דעם אויוון דעם הייסן,
אָן כוחות, די העמד אויפגעעפנט, אין אַנגסטן באַשלאָגן,
דער ווינט אויפן פעלד האָט די כוואַליעס אין ניעמאַן גע-
שטויסן,
די אַלטע בהמה אין שטאַל האָט ניט אויפגעהערט קלאָגן.
עס זיינען די פעטערס געלעגן צו צוויי אין די בעטן,
טעמפּ מיט די צורות צום באַלקן געקוקט און געשוויגן — — —
דער זיידעניו האָט זיך געקערט, אָ, דער זיידעניו האָט זיך גע-
בעטן:
„אברהמציק, מיין קינד, טו אַ זונג אונז אַ טרויעריקן ניגון”.

פון הייסן געלעגער אַראָפּ איז אברהם דער פעטער,
אין חושכניש איז ער געווען, ווי אַ יאָדלע אַ גרויע — — — —

האָט ער געגעבן אַ זונג, ווי אַ ווינט אין אָסיעניקע בלעטער,
האָט ער געגעבן אין טונקעלער כאַטע אַ וואָיע,
אַזוי ווי עס וואָיעט אַ וואָלף ביידערנאַכט אויף די וועגן,
ווי ס'וואָיעט אַ וואָלף אויף פאַרשנייטע, באַלויכטענע פּלייענען — — —
פאַרטייעטע זיינען די פּעטערס, ווי קלעצער געלעגן.
ס'האָט פּלוצים דער ייִדעניו שטיל אָנגעהויבן צו וויינען,
ער האָט זיך געדרייט אויפן אויוון, געקלאַפּט אין די ציגל.
אָ, גאָטעניו העלף, עס איז פינסטער און ביטער...
דעם פּעטער אברהם איז דורך אין די ביינער אַ ציטער,
עס האָט זיך דער ניגון געגעבן אַ גאָס, ווי אַ שפּיגל,
געגעבן אַ קלונג, ווי אַ וואַסער אין נעפּלען אין בלויע...
אין חושכניש איז ער געוועזן, ווי אַ דעמב אַ געזונטער.
האָט ער אַ טרייסל געטאָן די טשופּרינע אַרויף און אַרונטער
(דאָס האָט ער דערזען אינם חלום נאַסטאַסיע די גויע).
ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויס און געגעבן אַ רייטשע,
אַזוי ווי אַן אָגער, וואָס בענקט נאָך אַ קליאַטשע אַ הייסע,
אַ שפּרונג און אַ הייב זיך געטאָן מיט די הענט אין די באָקעס,
אַז ס'האָבן פון פרייד זיך צעפינטלט ביי יעדן די אויגן,
און ס'זיינען די שלעכטע געדאַנקען אַזוי ווי סאָראָקעס,
ווי גרויע פון טונקעלער כאַטע צעפלויגן...
איז ער אַרויס אין אַ טענצל, אַ זונג און אַ זעץ מיט די שטיוול,
אַ ברען אין דער לופט, ווי אַ פלאַם, מיט די הייסע שוואַרצאַפּלען,
אַז ס'האָט זיך דער ייִדע דערפילט, ווי ער פליט מיט דעם שטיבל,
ער קריכט ערגעץ הויך, ערגעץ הויך אויף צעבראָכנע שטאַפּלען...

צעטומלט פון ניגון, געליימט איז דער פּעטער געבליבן,
אין סקאַווראָד האָט שוין געטליעט די לעצטע לוטשינע,

דער זיידעניו האָט זיך צעשמייכלט, די הענט זיך געריבן:
„אברהמעלע, וואו'סטע גענומען אַזאַ קול=נגינה?"...

דער בלוי פון פאַרטאָג איז אַריין אין דער וואַרעמער כאַטע,
פאַרוויקלט אין שטרוי האָבן בײמער אין גאָרטן געפראָרן...
דער ווינט האָט אין פירהויז געצופּט פון אַ פעלצל די וואַטע,
די אַלטע בהמה אין שטאַל איז אַנטשוויגן געוואָרן.

יא

אַנטאָשע שפּילט אויף דער באַנדורע...

העי, העי,
העי, אַנטאָשע, טו אַ זונג,
טו אַ קלונג
אויף דער באַנדורע:
שורע, בורע, מורע, טורע,
אָט אַזוי,
העי, העי.

ס'איז געווען דער קרעווער דוכס
ווײַס ווי שניי,
ווײַס ווי שניי,
האָט ער קינדערלעך אין פּאַלאַץ —
טעכטער צוויי,
טעכטער צוויי,
נאָר בײַם דוכס בײַ די פערד
האָט געדינט דמיטרוק ביאַדוליאַ
מיטן נאָמען שאַלאַפּײַ...

העי, העי,
העי, אַנטאָשע, טו אַ זונג,
טו אַ קלונג
אויף דער באַנדורע:
שורע, בורע, מורע, טורע,
אָט אַזוי,
העי, העי.

ס'איז געקומען וועסנע־צייט,
ברענגט דער בוים נייע צווייגלעך,
ברענגט דער שוואַלב דעם שוועלבעלע,
ברענגט די צויג אַהיים די ציגלעך
און די קו דעם קעלבעלע...
ס'איז געקומען וועסנע־צייט,
פאַר די טעכטערלעך די צווי,
ברענגען זיי אַהיים צום דוכס,
אינם פאַרטעך
צו בייסטרוקעס...
ווי, ווי, ווי — — —

העי, העי,
העי, אַנטאָשע, טו אַ זונג,
טו אַ קלונג
אויף דער באַנדורע:
שורע, בורע, מורע, טורע,
אָט אַזוי,
העי, העי...

כאַפּט דער דוכס זיך צום שווערד,
הייסט דער דוכס שפּאַנען פערד,
און פון קרעווע ביז מאַזשיר
און פון זשעטל ביז דאַמיר
יאָגן רייטער און קאַרעטן,
לויפן לאַפער און שטאַפעטן — — —
ס'איז אין ערגעץ ניט געווען,
ניט צו זען
דעם רוצח שאַלאַפּיי...

העי, העי,
העי, אַנטאָשע, טו אַ זונג,

טו אַ קלונג
אויף דער באַנדורע:
שורע, בורע, מורע, טורע,
אָט אַזוי,
העי, העי — — —

אין די וועלדער פון קריוויטש
וואוינט דער גזלן שאַלאַפּיי
און דער אַלטער קרעווער דוכס,
ווייס ווי שניי,
ווייס ווי שניי,
פאָרט אַליין איבער די פליינען
אין דעם ריטערלעכן טראַכט
און ער קלינגט מיט די כּלי־זיין
אין דער נאַכט
אין דער נאַכט...

העי, העי,
העי, אַנטאָשע, טו אַ זונג,
טו אַ קלונג
אויף דער באַנדורע:
שורע, בורע, מורע, טורע,
אָט אַזוי,
העי, העי...

יב

דער זיידעניו קומט שטאַרבן...

גרוי, ווי אַ טויב, איז פאַרנאַכטלעך דער זיידע געקומען פון פעלד,
צורעכט געמאַכט שטיל דעם געלעגער און אָפּגעזאָגט ווידוי,
אין האַרצן צעזעגנט זיך רויִקערהייט מיט דער וועלט
און דאַן צוגעשלאָסן, אָן כּוחות, די אויגן די מידע...
און ס'זיינען די פעטערס געקומען צוקאָפּנס פון זיידן,
אַראָפּגעלאָזט טיף די באַוואַקסענע קעפּ און געשוויגן.
ס'האָט עפּעס פאַרשטשעמעט די הערצער און ניט געלאָזט ריידן,
פאַרשטשעמטע הערצער — אַ זיפץ ניט געקאָנט אַרויסקריגן...
פּאַמעלעך האָט דעמאָלט דער זיידע געעפנט די אויגן,
ס'איז וואַרעם אַ שמייכעלע איבערגעגאַנגען זיין פּנים,
ער האָט זיך געזעצט אויפן בעט, קוים זיך איבערגעבויגן,
און אָט־וואָס דער זיידע האָט דעמאָלט גערעדט צו די בנים:
— דו, אָרטשע, מיין בכור, ביסט געווען דער יסוד פון משפּחה!
דער ערשטער אין פעלד און דער לעצטער געזעצט זיך צום טיש...
די ערד האָט זיך וואַרעם צעעפנט פון אונטער דיין סאָכע,
אַזוי ווי די ערד זאָל דיין זאָמען זיין פרוכטבאַר און פריש...
רחמיאל, ווער קאָן זיך מיט דיר אויף דער לאָנקע פאַרמעסטן!
געווען איז דיין קאָסע אין גראָז, ווי אַ פליילצל פון פייער,
דיך קענען די שלענג אין די זומפּן, די פייגלען אין זייערע נעסטן.
די ברכה זאָל רוען ביי דיר אינם שטאַל און אין שייער!

דו, שמוליע, דער טייך־מענטש, ניטאָ אויף דער וועלט אַזאַ גלייכן!

באַשטענדיק דעם בוטש אויף די פּלייצעס, באַשטענדיק אַ נאַסער,
געשמעקט האָט מיט שופּן פון דיר, מיט דעם ריח פון שליים אין די טייכן,
געבענטשט זאָלסטו זיין אויפן לאַנד, און געבענטשט — אויפן וואַסער!...

ס'איז נאַכט צוגעפאַלן. די רויטינקע שייבלעך פון כאַטע
אין טונקלעניש האָבן געוואָרפן אַ שיין אויף דעם זיידן...
עס האָבן געשטומט מיינע פעטערס, געשטומט האָט דער טאַטע
און ניט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט פון זיין בענטשן און ריידן.
דאַן האָט זיך דער זיידע צעזעגנט... די גלידער צוזאַמענגענומען...
און שטיל און אויף אייביק די אויגן די שטאַרע פאַרשלאָסן.
געקוקט האָט דער עולם, געקוקט אויף דעם קערפּער דעם שטומען
און גאָרניט געזען און קיין איינציקע טרער ניט פאַרגאָסן...
אַ פויגל האָט ערגעץ אין וואַלד אויסגעקלאָגט פאַר דער נאַכט זיינע ליידן,
די לעצטע לוטשינע אין כאַטע האָט קוים נאָך געגליט אין די פונקען,
און ס'זיינען די פעטערס געשטאַנען צוקאָפּנס פון זיידן,
די שווערע, באַוואַקסענע קעפּ אין די אַקסלען פאַרזונקען...

בוניע און בערע אויפן שליאַך

פ אָ ע מ ע.

אויפן שליאַך

אָ, בוניע ביק און בערע דער פּאַלענט —
די גראָבע יידן קוטשעראַווע —
מיט די פּיסטוילן אין די הענט
און מיט די מעסערס אין כאַליאַווע,
גייען איננעמן די וועלט —
יונגען בראַווע!

זאָגט בוניע ביק, דער לאַנגער לייטענאַנט:
ע, שרעק זיך, טעלז, און ציטער, דרויע!
עס ווערט געגאַנגען און געשפּאַנט
אויף זאַך און טאַט און גאַזלעוואָיע,
געגרייט צום שלאַכט זיינען אַרוים
צוויי יידן גרויע.

און אויפן טראַקט, אין חשכות און אין גוס,
געפּאַרפּלט האָבן וויאַזן קודלעוואַטע,
געגאַנגען זײַנען פּוס אין פּוס
די בײדע יונגען תּמעוואַטע,
ווי סיווע הינט געגישטערט אין דער נאַכט
די וועלט, די בלאַטע.

אַ קרעטשמע

עס רויכערט זיך אין ראָזע נעפּלען דער באַגין,
די וועלדער קאַלטע נעמען שאַרען,
און אַלטע קרעטשמע אין טוי און גרין,
עס העלט. — די רויע צווייגן פאַרען,
ווי פרישער שניי די העלע בליאונג לייכט
פון עפּל און פון באַרן.

עס האָרכט די פּוליע, פרילינגדיקע ערד
דעם שאָרך פון לעצטע נאַכט־שאָטנס לילאָווע;
די בוימער וואַרפן אָפּ די שלייערן און בערד,
און קלאָר ווערט ביז די ווייטן, די יאָדלאָווע,
וואו ס׳זיצט די נאַכט און אויף איר לאַנגן פינגער
זיצט די סאָווע.

דאָ לויפט פאַרביי דער שוואַרצער, ווילנער שליאַך,
אַ רואיגער אויף אַלע זיינע מיילן;
ער שלאָפט אין טונקלעניש פון וועלדער סבך
און אויף דער פריי—אין גרינע בוימער=צייל,
ס'איז שטיל. עס שפּאַנען בלויז צוויי יונגען מיטן וועג
און איילן זיך און איילן.—

די בירנע קרעטשמע פּאָפּט אין אַלטן הויף,
און ס'האָרכט דאָס גאַניקל—איר אָפן אויער:
„עך, בורזשוי, דו, עפן, עפן אויף!"
—און פויסטן גראָבע זעצן אינם טויער—
„שטיי אויף, בורזשוי, די וועלט גייט אוים
אין קאַלעמוטנעם טרויער"...

פאַמעלעך עפנט זיך די בלאָטיק=ברייטע טיר,
און ס'קריכט אַרוים אַ ייד אַ יענטעוואַטער;
דער קאָפּ אין פעדערן, אַ נאָז ווי אַ געשוויר,
ער שרייט און קוויטשעט אַ מידער און אַ מאַטער:
„ווער קלאַפּט עס, ווער? וואָס מאַכט איר מיר
באַגינען אַ טריאַטער?!"

עס טוט אַ שאָס... אַ בליץ... אַ פייער און אַ רויך...
דאָס ביסל אָטעם האָט אים אָפּגענומען,
ער טאַפּט די באָרד, דעם פּנים און דעם בויך—
אַ לויב צו גאָט; מיט גאָרנישט אָפּגעקומען;
די יונגען שטייען שטיל און דרייען זיך דעם וואָנץ
און שטומען.

נאָר ס'זיינען פּלוצים דאָ אַריין אין שלאַכט
דעם קרעטשמערס בנים, ווי די בערן;
ערגעץ האָט אַ האַנט אַ שוואַרצע פון דער נאַכט
פון הימל אָפּגעקראַצט די לעצטע שטערן;
עס האָט געשאַלט: די וועלט, די פּוילע
נעמט זיך איבערקערן.

אין קרעטשמע האָבן זיך געבראָכן טעפּ,
מען האָט געזעצט מיט פויסטן, ווי מיט שטיינער,
זייטן האָבן זיך געעפנט פון די קלעפּ
און קאַפּאָטעס זיינען געפלויגן מיט די ביינער.
געליבט דאַרף זיין די דיקע קרעטשמערקע
און ווייטער קיינער!

זי האָט געצופּט די קאָלטנס פון די בערד,
זי האָט געפּאַטשט, זי האָט געדראַפּעט;
מאַנסביל האָבן זיך געקייקלט אויף דער ערד
און פון די שופרדיקע נעזער האָט געקאַפּעט,
געשטאַרטשעט האָבן קערק, קני און אויגן קעלבערנע
פאַרגאַפט...

דאַן האָט דער אַלטער קרעטשמער אָפּגעקרייט:
גענוג, גענוג, זאָל ווערן שלום!
מען האָט זיך אויפגעהויבן שטילערהייט
און טעמפּ אַרומגעקוקט זיך, ווי אין אַ חלום.
אַ, בערע, בערע איז אויך אויפגעשטאַנען,
כאָטש נעם און מאָל אים!

די לאַנגע הענט אַראָפּגעלאָזט צום דיל,
און אויסגעמאַטערטער, קוים מיטן לעבן:
ער האָט געשמייכלט און געפלאַנכעט אינדערשטיל
פון קלעפּ געגעבענע און ניט דערגעבן,
די פויסט האָט ניט געדינט. ער האָט געקלאַפּט
פאַרביי, אָדער דערנעבן.

דערווייל האָט מען דעם שווערן טיש געגרייט,
דערלאַנגט דעם פעטן באָרשטש, דעם הייסן,
דערלאַנגט די גרויסע לאַבנס ברויט,
און ניט געוואַרט ביז מען וועט הייסן,
האָט מען פּאַמעלעכדיק און פעסט געריבן
ביז די לעצטע שווייסן.

דער קרעטשמער פרעגט: איר, געסט, וואָס איז דער מער?
ווי קומט די ביטערניש צו אייך, פון וואַנען?
וואָס ווילן אורחים? און ווער איז מען, ווער?
און וואו אהין מען קלייבט זיך ווייטער שפּאַנען?
ס'איז דאָ אַ וועלט, און יידן זיינען אומעטום
פאַראַנען.

דאַן ענטפערט בוני ביק: אַ, ליבע פריינט,
מיר ווילן בלויז די וועלט אויסלייזן.
איר זעט, דער מזל פון בורזשויען שיינט,
נאָר ס'טרעפט, אַז ס'גייען לייט אָן הויזן,
מען מוז דעם יאָך אראָפּוואַרפן, די קייטן
און די אנדערע שאַלאַמייזן!

אין דרויסן אַ באַשלאָגענער מיט מעש,
האָט קלאָר געשטוינט דער וועמנדיקער פרייטיק;
פאַרגאָסן אַלע פּלויטן האָט דער בעז
מיט שטיקער בלוט שוין וואַרעם־צייטיק,
געקלונגען האָט דער קילער בלאַנקעט ריין
און זילבערליך און ווייטיק.

דער קרעטשמער זאָגט: אַ, געסט, אַ, ליבע געסט!
צו טיף די רייד כ׳זאָל זיי פאַרדייען,
גענוג, אַז מען פאַרדייעט, וואָס מען עסט,
און חוץ דעם — בעסער שווייגן, ווי דער שלייען,
ווייל אין גלות איז אַ ייד, און ווייל די וועלט
וועסטו ניט איבערשרייען...

אזוי האָט מען ביים טיש פאַרבראַכט, גערעדט,
מען האָט אָבער געדאַרפט אין וועג זיך לאָזן,
האָט מען זיך אָנגעפּעלצט, געקניפּלט זיך ביז שפּעט,
אַ ביסל צוגעפּייפט, אַ ביסל צוגעבלאָזן...
און אַוועק, געציטערט האָבן בוים און בלאַט,
געפלאַטערט האָבן גראָזן.

אונטער דער יאָדלע.

די ברייטע נעכט, וואָס זינגען אָן אַ קול,
ווי בלויער אייז אַריינגעפּאַסט אין געגנט,
ווען ביימער גרויען דורכזיכטיק און שמאָל,
מיט ווייכן זילבערלעכן ליכט פאַררעגנט...
עס שטייט אַ יאָדלע אויפן באַרג, וואָס האָט
מיט אַלץ זיך שוין געזעגנט.

צוויי שאָטנס לאַנגע זיצן אונטער איר,
און בלויז די טיפע, בייזע אויגן גליען;
פאַרגליווערטע און שטום, אָן מינדסטן ריר,
מען זיצט און מען באַוועגט נאָר מיט די וויען,
און שטייף, ווי מתים, איז מען, וואָס מען האָט זיי
אָפּגעשריען...

אַ דאָרף אַ שטרויענער קריכט אונטן אינם טאָל
מיט דרעמלענדיקער כאַטע איבער כאַטע,
אין דער לבנה־נאַכט פון קילן, בלויען שטאָל
צעלייגט אויף אַפרו, ווי בהמות זאַטע;
עס שלאָפט דאָס דערפל שטיל מיט די לבנהדיקע
שויבן מאַטע.

און בוניע ביק שטרעקט אויס אַ ווילדע האַנט.
ער שעפּטשעט האַלבע ווערטער, קוים צו הערן:
דו זעסט דעם דאָרף און אָט דאָס גאַנצע לאַנד?! —
דאָס פעלד אַרום וועט מאָרגן אונז געהערן — — —
דו, בערע, ווען ווערט טאָג? דו, חבר, ווען גייט אויף
דער מאָרגנשטערן? — —

נאָר מיט דעם קאָפּ פאַרגראָבן אין די קני
זיצט בערע קורץ און פינסטער, ווי אַ דאָרן;
ער טראַכט פאַרטיפט, אַז ס׳לוינט זיך ניט די מי
צו ווערן לכתחילה דאָ געבאָרן — —
דו עסט, דו טרינקסט און גאָרנישט, מען איז קיינמאָל
נאָך ניט זאַט געוואָרן.

און בוניע זאָגט: הער צו, דו נאַר, הער צו
דעם סוף פון מענטשנס שווערע ליידן — — —
ס׳וועט שלאָפן גראָז אַ לעמפערט מיט אַ קו
און ס׳וועט אַ קינד זיך שפּילן מיט זיי ביידן;
פריד וועט זיין, און זשאַווערן וועלן די מעסערס
אין די שיידן.

אַזוי האָט ער געחלומט פון דער וועלט,
געערדט צום חבר וואָלף, צו די חברים שטערן,
און צוגעפאַלן איז ער צונ׳ם פעלד,
געקושט אים און געגאָסן טייכן טרערן:
אָ, באָבעשי, פאַרלאָז אונז ניט אַליין
אין שטרייט און שווערן!!..

ער האָט געוויינט. פון הימל אומגעריכט
אַ ווייסער פּידל איז אַרויסגעשוואומען,
ס׳האָט אויסגעשפּילט אַרום, פון שטיקער ליכט,
אַ ווילדן ליד, אַ קאַלטן און אַ שטומען — — —
און בוניע ביק האָט עס געהערט, און חבר ביק
האָט עס פאַרנומען.

דאָס ליד האָט איינגעזאַפּט זיך אין זיין הויט;
ער האָט געהאָרכט, געשטוינט און האַלב געשלאָפן,
ערשט אויפגעכאַפּט זיך מיט דעם מאָרגן־רויט
האָט ער דערזען — אַן אומגליק האָט געטראָפן:
ס׳איז בערע ניט געווען. אין מיטן נאַכט איז ער,
דער אומטרייער, אַנטלאָפן. — —

האָט בוניע דאַן געזיפצט: אויך, בערע, דו?!
אויך דו האָסט אונזער זאַך פאַרראַטן?
און פונם שטרייט איז ליבער דיר — די רו?
ער האָט געשריען מיט אַ קול אַ מאַטן:
אָ, וויי צו אייך, אויף אַלע ווייכע פערענעס,
אין אייער טאַטנס טאַטן!..

אַראָפּ איז ער אַן עלנטער פון באַרג,
ווי ס׳וואָלט זיך אָפּגעטיילט פון בוים דער שאָטן.
פאַרוואָרפן ס׳פעקל אויפן ברייטן קאַרק,
האָט ער געפאַרשקעט מיט די וואָנצן־דראָטן,
געגאַנגען שטום און ס׳האָט אין אים
דער כעס געזאָטן.

ביי אַ טייך.

אַ טייך. ס'איז דורכגעשטערנט דאָ די רו.
און בוניע רעדט אַראָפּ וואָס פון נשמה:
— כ'בין וואַסער, וואַסער טרויעריק, ווי דו!
— מלאכים באָדן זיך אין דיר מסתמא,
— וואו ס'שלאָפט דיין שטילקייט אינם טוי —
— דאָרט אונטער ווערבעס לאָמע — — —

— דו קומסט — פון וועלכער גראָזנדיקער ווייט?
— און גייסט — צו וועלכע נעפּלדיקע סופן?
— וואַסער, ביסט די פרומע איידלקייט,
— וואָס אויך ניגונים מאַכט מען פון די שטאָפּן...
— פּליו=פּליו=פּליו און פּליו=פּליו=פּליו —
דערנאָך איז ער געגאַנגען שלאָפן — — —

אין דאָרף.

אין דאָרף האָט מען געקלאַפּט, געלאַכט, געבויט,
געשעפּט פון ברונימער, באַגאָסן בייטן;
עס האָט געשמעקט מיט בלינעס און מיט קרויט;
מיט פרילינגדיקע מוידן ביי די פּלייטן,
און ס׳האָט אַ יעדע כאַטע זיך געטונקט
אין גריגס און קווייטן.

ס׳איז בוניע דורך פּאַמעלעך, ווי אַ האָלץ;
נאָר ביי די פּלייטן שטיקט זיך אַ געלעכטער.
ער האָט אַרומגעקוקט זיך בייז און שטאָלץ
(אָ, בוניע ביק, דער נביא, דער גערעכטער!).
ער שטייט און ער באַטראַכט די קליינע זינד
פון נישטיקע געשלעכטער.

אוועק איז ער אין איינזאַמקייט אַליין.
אפנים, ס'איז נאָך שלעכטס געגוג פּאַראַנען.
עס האָט אים נאָכגעיאָגט פון ערגעץ־וואו אַ שטיין — —
(וויי, וויי, מען מוז אַרויס פון דאַנען!)
האָט ער אַוועקגעשפּאַנט מיט זיינע לאַנגע פיס,
ווי בוניע ביק קאָן שפּאַנען!

ביים עק פון דאָרף האָט ער זיך אָפּגערוט;
אַראָפּגעווישט דעם שוויים פון דער טשופּרינע,
געקרעכצעט שטיל, געקילט אין זיך דעם בלוט,
נאָר פּלוצים... שאַ!.. מע זינגט... אַ קול נגינה...
אַ גויע זינגט און עמעץ ברענצלט
אויף אַ מאַנדאָלינע.

עס באַקט די זון. דער גאַנצער הימל גליט.
עס קלינגט דער זאַמד און צווייגן הילכן גרינע;
אַ יעדער רויער פלאָקן שפּראָצט און בליט —
דער וויאַז, די אספּע, די ראַבינע — — —
אַ גויע זינגט און עמעץ ברענצלט
אויף אַ מאַנדאָלינע.

און בוניע זעט: אַ כאַטע פריש און ניי,
עס לויכטן אַזש די קלעצער, די סאָסנאָווע,
דאָ וואוינט אַ באַלעגוף! נאָר סיי־ווי־סיי,
מען מוז אריינגיין בעטן אַ נדבה.
פּאַוואָליע עפנט ער די טיר און ער דערהערט
אַ מאַנסביל רעדט באַסאָווע:

„זיי ווייסן, נאַסטיע, איך בין קאַרל מאַרקס,
וואָס גייט אַרוים זיך שלאָגן מיט בורזשויען.
דו זעסט דעם פויסט? — אַהאָ — ס׳איז עפּעס שטאַרקס!
און דו ניט קוק, וואָס מיינע וואָנצן גרויען,
ס׳איז כוח דאָ גענוג...״ אָ, בוניע קאָן די אויגן
גאָרנישט טרויען.

ס׳זיצט בערע מיט אַ גויע אויף די קני.
זי זינגט און ער דערציילט באַרימערייען:
דו, נאַסטיע, נאַסטיע, ווייסט נאָר פון די קי, —
געשטעלט דעם זויערמילך, פאַרמישט דעם קלייען.
אַן אונזעריקער איז פאַרנומען טאָג ווי נאַכט
מיט דענקערייען!..

נאָר אומגעריכט געוואָרן איז ער שטום
(אין פירהויז־טיר איז בוניע ביק געשטאַנען — — —);
די העלזער אויסגעצויגן לאַנג און קרום,
אויף הויכע פיס, ווי טרוקענע בוטשאַנען.
מען האָט זיך אָנגעקוקט — און איינער האָט
דעם אַנדערן פאַרשטאַנען...

די נאַסטיע זאָגט: זייט וויסן, ליבע לייט,
ס'איז מיט דעם שטאָט־מענטש אָנגענעם צו שפּרעכן.
דעם דאָרפישן פעלט אויס די איידלקייט;
מען האַלט אין קנייפּן זיך און שטעכן־ברעכן.
וואָס איז די פּויערטע אין דאָרף? זי קינדלט נאָכאַנאַנד
און איז אַ קעכין. —

נאָר בערע טוט דעם גראָבן וואָנץ אַ וויש
און זאָגט: גענוג גערעדט פון הויכע זאַכן!
דערלאַנג עפּעס, אָ טייערע, צום טיש,
מיר וועלן זען די וועלט שוין איבערמאַכן.
דו זעסט — מען טוט, מען קעמפט, מען וואַנדרעווועט
איבער די שליאַכן...

און ווי די יונגען רייבן איז באוואוסט: —
עס קלאַפּן צוויי אָוועקגעלאָזטע מילן.
איין רגע נאָר — די שיסלען זיינען פּוסט,
און ווידער נעמט זיי נאַסטיע אָנצופּילן.
אַזוי כּסדר... ביזקל בוניע איז אַרויס
זיין צאָרן שטילן.

ער טוט אַ זעץ אין טיש, ער לאָזט אַרויס אַ ברום
און ציט דאַן אויס אַ פינגער, ווי אַ שטעקן:
אַ, קום, פאַרטונקלטער באַוואוסטזיין, קום!
קום שרייען און קום וועקן;
ס'איז ברוך אַרום! עס רינט די וועלט
אין אירע לעבערדיקע עקן!

און בערע זיצט שוין, נעבעכדיק, אַ תּם;
ס'האָט גאָט אים אָנגעשיקט דעם מאַרעוויבער...
די נאַסטיע טוליעט זיך... דער ליבע־פּאָם
גליט אונטער אָנוטשעס און טיבער...
דאָ טוט ער זיך אַ כאַפּ... עס ברעכט אַרויס אַ טאַנץ,
אַ פלאַמענדיקער וויבער.

עס טאַנצט די זון און ס׳ברומט צו די געפּעמס
די שויבן ציטערן, די בענקלעך פאַלן.
עס טראָגט זיך בערע מיט דעם נאַקעטן געזעמס
אונטער די פייערדיקע ריטער־שטראַלן — — —
האָפּ־האָפּ, האָפּ־האָפּ! האָפּ־האָפּ, האָפּ־האָפּ! — —
צוויי זיסע נאַכטיגאַלן! — — —

און נאַסטיע אויך — די פיס, ווי רונדע קריג,
די בריסט, ווי פרישער קירבים אויף די בייטן,
ער טאַנצט דעם באָק, זי איז די ציג,
און מיט די הערנער איינס צום צווייטן;
האָפּ־האָפּ, האָפּ־האָפּ! האָפּ־האָפּ, האָפּ־האָפּ! — —
צוויי חנעוודיקע קווייטן!

— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
די נאַסטיע האָט געשריען. — — — — — —

געוואָרן איז אין דאָרף אַן אַנגעלויף

און ס'האָבן קלעפּ די לייט אריינגעקראָגן,

דערנאָך האָט מען געהרגעט זיי אין הויף,

און ווייט אין פעלד האָט מען זיי אויך געשלאָגן — —

אָ, קלעפּ געננוג... קוים כוחות האָט געקלעקט

אוועקצוטראָגן — —

אין אַ יאָדלאָוון וואַלד.

ס׳לייכט ברוין די זון אין זאַסקעוויצער וואַלד,
וואו ס׳ברענען זאַפּטיק־רויטע מוכאָמאָרן;
וואו ס׳שפּאַרט מיט פּוילעניש פון יעדן שפּאַלט
און ס׳שטינקען קאָרטשעס פון פאַר טויזנט יאָרן;
וואו ס׳קילט די זון און יעדע האָרעדיקע צווייג
איז צוגעפראָרן...

דאָ טראָגט דער שטיין אַ נאַסע באָרד פון מאָך,
און ריטער, ריטער צאַפּלען אויסגענאָגטע,
און וואו אַ טונקעלניש, איז עס אַ סומנע לאָך,
וואו ס׳זיצט די געלע סאָווע אַ פאַרקלאָגטע,
און עפּעס מאַטערט דאָ, ווי אין אַ טרויער־בוד
פון ליידן ניט דערזאָגטע.

ס'איז נאַכט. די יונגען ברעכן זיך אַ וועג,
עס טראָגט זיך ווייט אַרום אַ טויבער קנאַלן,
דער פויסט — אַ האַק, די ציינער — פּאָר אַ זעג,
אוןביימער שווערע ציטערן און פאַלן.
מען קריכט אין זומפּ, די נעזער אָפּגעקאַלכט
פון ווייטע שטראַלן...

פאַרוואַקסן האָט אַ קאַלטנדיקע פעל
די שטאַמען, ווי מנורות אויסגעדרייטע;
עס בלייכן ווייך לישײַעס טונקל־העל,
ווי זילבערלעכע נעצן אויסגעשפּרייטע,
און ערגעץ הענגט דאָ די לבנה אויך,
אַ לאַנגע און אַ טויטע.

אין וואַלד האָט מען זיך, חבר, אָפּגעזעצט.
ס'האָט בערע קוים אַ פייער אויפגעבלאָזן;
אַרום אין חושך טראָפּלט, פּיקט און נעצט,
עס פלאַשען אויסגעוויקטע גראָזן.
ס'זיצט בוניע שטום. ער דענקט. ער בלאָזט. און אָט
האָט ער זיך אויפן קול צעלאָזן:

— אָ, מענטשהייט, אָן אַ היים און אָן אַ דאַך,
עס לוינט דיין מזל צו באַוויינען, —
אין ווייכע נעסטן שלאָפט דער שנאָבל=פּאַך,
אין נאָרעס וואָרעמע — די וואַלד=פּאַראַיינען,
אַ מענטש נאָר צו אַ מענטשן וויל זיך אַלץ
ניט צוגעוויינען.

— דו פרעג באַשייד ביים פּראָסטן וואָראָביי,
דו פרעג די קאַלטע, ליטווישע בוטשאַנען, —
אַ יעדער הויערט אויף זיין מיסט און שטרוי,
בלויז דו, אָ, ווייסט ניט פון אַהין ביז דאַנען!
צו וואָס באַדאַרף מען הויכע קוימענס?.. וואָס איז
די חכמה פון די באַנען?..

— אָ, בערע, בערע, ברודער מיין אין נויט,
האַלט צו מיין סיווער קאָפּ זאָל זיך ניט שפּאַלטן
ביים דענקען פונם לעבן און פון טויט.
ווייל עפּעס איז דאָ אומקלאָר און באַהאַלטן...
אָט דאָס האָט ער געזאָגט — און זיך פאַרוויקלט
אינם טולופּל דעם אַלטן.

האָט מען אַן אייזערנע, אַ לאַנגע נאַכט
אַזוי געשטאַרט ביים דרעמלענדיקן פייער — — —
פאַרציילט זיך מעשיות, וואָר און אויסגעטראַכט,
פון בופלאָקס און פון גרינעם אומגעהייער —
האַלב פרויענצימער און האַלב מאַן, וואָס זינגט
אין נאַסן אייער...

בײַ אַ מיל.

און אָנגעקומען איז מען האַלבער נאַכט
צו אַ פאַרוואַקסן מיל, צו וואַלד און וואַסער;
געוועז איז אַלץ פאַרשלאָגן און פאַרמאַכט,
פאַרגליווערט לעפּיש אין דער לופט דער נאַסער.
דאָס טײַכל בלויז האָט פון דעם גראָבן גראָז
אַרויסגעשײַנט אַ בלאַסער.

און בוניע האָט געזאָגט: דו, מילנער, דו!
כ'באַדויער איצט דײַן לעבן אָן אַ זינען:
וואָס איז דער מענטש! און וואו איז גאָט, אַוואו?
און צי וועט ס'בידנע עמך טרייסט געפינען? — —
דו שלאָפסט, דו שלאָפסט, די מילנערקע בײַם זײַט
און דײַנע טעג פאַררינען.

דער שטערן ווינקט אראָפּ, דאָס טייכל העלט,
דער הימל הילכט פון זילבערנע געשרייען:
ווער ווייס, צי אויף עלעקטרע גייט די וועלט,
און איר ספּרונדזשינע ווער עס טוט אָנדרייען?
דו שלאָפסט, דו שלאָפסט, די מילנערקע ביים זייט
און דיינע טעג פאַרווייען...

דערנאָך האָט מען זיך אויסגעצויגן פויל
און איינגעשלאָפן אין די נאַסע גרעזער;
געכראָפּעט און געכאָרכלט פונם מויל,
מען האָט געפּאָמפּעט מיט די לאַנגע נעזער;
די וויען, ווי די לאָדנס אָנגערוקט
איבער די אויגן=גלעזער.

די מעליקע לבנה אויפן מיל
האָט נאָכגעטאַפּט די חשודיקע יונגען:
— אָ, באַלעבאָס, איך ווייס ניט, וואָס מען וויל...
נאָר איר עגונה=שטים איז אויך פאַרקלונגען.
דער מילנער האָט גערעדט פון שלאָף און פערצן
נעזלעך האָבן צוגעזונגען.

פ אַ ר ט אָ ג.

פאַרטאָג. ווי פון דער שוואַרצער פעל
דער אָקס פול דאַמף און בלוט קריכט אָפּגעשונדן —
אַזוי איז דער באַגין פאַרבלוטיקט העל
געקראָכן פון דער פינסטער אָנגעצונדן;
דער נאַקעט פלאַמענדיקער לייב אין פעלד,
די פיס נאָך אין דער נאַכט געבונדן.

און ס'שפּרייזן ביידע יונגען מיטן טראַקט.
אַ ישוב זעט מען ניט... נאָר פליינען, פליינען;
דער לאַרך אין אויסגעגלאָזטן הימל קנאַקט;
עס שטראַלט די לויטערקייט, וואָס נאָכן וויינען,
און קלאָר איז יעדער בוים און יעדער פייכטער בלאַט
אין די קודלאַטע קרוינען.

איז א שטעטל.

ס׳ליגט זשאַמוט אויף איר ליים אין טויטן־שרעק,
און צווישן פעלדער שווייגט די ווייסע רייסן;
די דאַרע הימלען אָנגעטאָן אין זעק,
און ווינטן פייפן אויסעט בייזע נייסן
ניט גוט, ניט גוט! עס מאַטערט זיך די וועלט
ניט אויף צום פליסן.

און אין די קרומע שטעטלעך שטילערהייט
א בלויער פינגער באַמבלט אין די שויבן:
א שונא קומט! א שונא גייט!
צום צינדן, מאָרדן און באַרויבן — —
די נאַכט פאַלט צו און יידן שטאַרן
גרויע, ווי די טויבן.

און אַט אַ מאַרק. דער קאַרגער מולד רינט.
צוויי מערדער שפּאַנען, שפּריצן מיט רציחה...
די לאַנגע וואַנצן פלאַטערן אין ווינט.
„דו שריי — אויב ס׳איז דאָס לעבן דיר ניט ניחא".
די עצה סקרוכעט. האָרך! געמפּילט
האָט די שמשׂיכע...

אינמיטן מאַרק זיצט בוניע לאַנג און גרויס,
און בערע קריכט אַרום איבער די הויפן:
— דאָס שענסטע מיידל פירט אַרויס,
וואָס וואַשט זיך מיט די טייערדיקסטע זייפן!
און ניבול־פּה האָט פייערדיק געשפּריצט
פון מויל דעם טרייפן...

אַזוי האָט ער גערופן אין דער נאַכט — — —
ס׳איז קהל איינציקווייז צונויפגעקומען,
געזעצט זיך שטום, צעהויקערט און פאַרשמאַכט,
ביז אַ געוויין האָט זיי אַרומגענומען —
האָט מען געוויינט. דאָס לעמפּל רויכערט.
שטום. און אַלע שטומען.

שטייט אויף פאַרציטערט אָרעלע מושקאַט,
און ס׳קלינגט זיין קול — פון קבר אויסגעגראָבן:
— מיין ווייב האָט מיר די קינדער אָפּגעהאַט,
איך דאַרף איר איצט שוין סיי־ווי־סיי ניט האָבן...
האָט ער געוויינט. און לייט האָבן אַרום געשטוינט,
ווי אויסגעשטאָפּטע ראָבן.

און מענדעלע ביז, אַ שטאַרער, ווי אַ מת,
שטרעקט אויסעטביידע הענט מיט אַנגסט און ציטער:
— איך גיב מיין שוועגער אָפּ אויף עולמות!
און ס׳האָבן אַלע איר באַדויערט ביטער,
געפּלאָנכעט אין די קודלעוואַטע בערד,
ווי אין די וועלדער אַ געוויטער.

אַ נאַכט. ווי שאָטנס האָבן זיך גערוקט
פיל שליומפּערדיקע ווייבער אין פּאַטשיילעס;
די מאַנסביל ליגן אין די לעבער און מען לוגט,
וואָס וועט געשען אין מאַרק מיט די נבלות?..
און שטיל איז, שטיל. מען הערט שוין, ווי די שטערן
פּלעסקען זיך אין תכלת.

און אָט. אַ מאַרק. דער קאַרגער מולד גליט.
געשטרייפטע מחנות שווייגעוודיק מושטרירן;
די ווייבער, ווי די זעלנער, מעסטן טריט,
פּאַראַויס צוויי שוואַרצע ריטער קאָמאַנדירן. —
און שטיל איז, שטיל. דאָס שטעטל הוילט
פאַרהאַקט אויף אַלע טירן.

בערע שפּילט אויפן האָרן.

די נעפּלען קייקלען זיך פון דינעם מילך,
און ביימער=שאָטנס שטאַרן און פאַרשווימען;
עס רוישט, עס שאַרכט אַ זיידענער געהילך,
אַ ווייכע שושקעניש פון האלבע שטימען — — —
אָ, האָרך! עס קלאַפּט דער פּיקהאָלץ אוים
אַ הילצערדיקן הימען.

דאָס לאַנד, דער הימל האָבן זיך פאַרמישט,
די קלאַנגען, פעלד און לופט צענויפגעקנאָטן;
עס פינטלט וואו פאַררויכערט און פאַרווישט
אַ שוואַלב אויף טעלעגראַפן=דראָטן.
ס'איז חלום. וואָר איז בלויז דאָס שטיקל שליאַך,
וואָס ווערט באַטראָטן.

ס'גייט בוניע שטום פארבונדן אויף א באק
און בערע שלעפט א פוס אן אויסגעדרייטע,
פארוויקלט ווארעם אין אן אלטן זאק.
זי קריכט אים נאך א פולע און א ברייטע,
און באַרוועס פאַדעט מען אין ליים
מיט פּיאַטעס רויטע.

עס פאַלט פון באַרג אַראָפּ דער שליאַך אין טאָל,
די נאַסע, קורצע ווערבעס ביי די זייטן.
און בערע הינקט. ער קרעכצעט אויפן קול:
— אַ, זאָג מיר, וויפיל איז דער שיעור צו שטרייטן ?! —
דו זעסט נאָר קלעפ נאָך קלעפ און עפעס זעט מען נים
די נייע צייטן ?! — — —

דער נעפל בלעטערט זיך און שימערט שטום,
און זיי אין אים, ווי פלעקן דורכגעפּעצטע.
מען קריכט פאַראויס, מען טאַפּט דעם וועג ארום ;
די קנאָדערדיקע היט אַראָפּגעזעצטע
די וואָנצן אויף אַראָפּ — — זיי שטייען אויפן באַרג, —
צוויי הענער אויסגענעצטע.

און אויבן — לאַנקעס שפּרייטן זיך אין טוי;
עס פּיטערט זיך די טשערעדע פון שררה.
דער פּאַסטוך זיצט — אַן אַלטער, גרויער גוי,
רעדט שטיל, און ניסט, און שפּרעכט זיך אָפּ עין־הרע...
ער פלעכט אויס לאַפּטשעס, קאַשיקעס
פון פרישן קאָרע.

ס'זאָגט בוגיע הויך: דזשיען־דאָברי, אַלטער כריין!
און יענער ענטפערט: וואַצפּאַני, דזשענקויע!
מען זעצט זיך שוין דערבײַ אָפּ אויף אַ שטיין, —
אַ שמועס וועגן פי און וועגן תבואה.
אהער־אהין — אַ מענטש אַן ערלעכער איז היינט
נישטאָ אויף אַ רפואה! — —

דאָ הייבט זיך בערע אויף: אָ, זיידעניו!
דו לאָז מיר נאָר אַ בלאָז טאָן אין דיין האָרן,
איך וויל דאָ פאַר דעם שעפּס און פאַר דער קו
אַ זונג טאָן עפּעס פון די קינדער־יאָרן.
אָ, לאָז מיר, לאָז... און בערע איז אַזש
בלייך געוואָרן.

אַ כאַפּ געטאָן דעם האָרן צונם מויל,
האָט ער גענומען זיך פונאַנדערוויגן,
אַרויסגעריסן האָט זיך נאַקעט-הויל
אַ בריל, אַ ווילדער ווײ-געשריגן — — —
און ווײט אין פעלד האָט זיך צעברומט
זײן געלער פלאַנכבעדיקער ניגון.

ער האָט געבלאָזן ביטער און געקלאָגט:
דאָס פעלד איז גאָט, דער האָרן איז דער בעטער.
אָ, וואו האָב איך גענעכטיקט און געטאָגט?! —
כ׳בין ווי דער האָלץ אָן צווײגן און אָן בלעטער.
עס גרויען בײזע מײנע טעג, ווי שוואַרצע,
הארטע, טהרה-ברעטער — — —

מײן טאַטע איז דער לאַנגער ברײטער שליאַך,
דאָס פעלד איז גאָט, מײן בעטער איז דער האָרן.
כ׳בין ווי דער ראָב, וואָס וויגט דעם צווײגל סכך,
פון טרויער — הארט, פון פלאָגן — שוואַרץ געוואָרן.
די סאָווע האָט אַ נעסט, די קו אַ שטאַל, און איך בין
אַ פאַרשטויסענער געבאָרן. — — —

ער האָט געבלאָזן, ביטערלעך געקלאָגט,
אויך בוניע האָט אַ וויש געטאָן די ברעמען...
אָ, דאַן האָט בוניע צו דעם גוי געזאָגט:
— וויים, אַלטער כריין, מיר וועלן אַלץ אָפּנעמען —
דו קריגסט די פּי, ווי אַ געשאַנק... דערמאָן
צום גוטן כאָטש אונזערע נעמען.

די זון האָט אויפגעבליצט אין וויטן טוי,
צעשפּריצט זיך פּערלדיק אויף צווייג און גראָזן;
עס האָט גענומען וויקלען זיך דאָס גרוי,
און גיין, און אויפּפּלאַצן, ווי זייפנבלאָזן. —
די טאָלן האָבן זיך אַרויסגעשיילט
אין גרינעם און אין ראָזן.

אַ קו איז שווער געשטאַנען און געקוקט,
די שוואַרצע פּעל מיט וויים, ווי אָנגעמאָלן —
איבער די אויגן קנייטשן אָנגערוקט.
זי האָט געשטוינט צוזאַמען מיט די טאָלן,
זי האָט געטראַכט, געגליווערט מיט אַ פּוסטן קאָפּ
און אָנגעקוואָלן.

און הער: ס׳איז יעדער צווייג א פייפיאַל,
ס׳איז יעדער שטיין ביים וועג א גרויער פידל;
דער אַקער בליצט אין וועסנעדיקן טאַל,
עס קלינגט פון בייט אַראָפּ דער בלאַנקער רידל,
און אין דעם קורצן קוסט דער פּראָסטער טשיזשיק
זינגט א פּראָסטן לידל... —

פאַרטאָג.

פאַרטאָג. ביים מידן אויפבליצן פון ראָז,
וואָס וויל די וועווערקע=נאַרעשעוואַטע?
ווער ווייסט דעם קלונג פון אונזער פראָסטן גראָז?
דעם בליק פון אונזער קו, די תמעוואַטע?
ווער ווייסט די שרעק פון אונזערער א יאָדלע,
די טרויעריק צעליאַפּעוואַטע?

אין נעפּלען וויגן זיך די סטערטעס היי
און תּפילות מעשענע פון ווייטע גלאָקן;
עס שניידט זיך דורכן גראָז א טרוקענער שאָסיי —
א טויטער שרינט אין די צעגראָזטע לאָקן.
עס בלויט. די שטילקייט שלאָפט אויף יעדן שטיין
און הענגט אויף יעדן פלאָקן.

און בוניע זאָגט: מיר שפּאַנען צו דער שטאָט.
צי פילסטו, חבר בערע, די אחריות?
באַנעמסטו כאָטש, ווי ס׳ווערט באַדראָט
די אַלטע וועלט אין שימל און לישייעס? — —
נאָר ס׳ענטפערט בערע: אָ, ווי־דען, איך פיל עס
און פאַרדייַ עס — — —

זאָגט בוניע דאַן: טאָ גרייט דעם גראָבן פויסט,
דו, דו, די שטומע קראַפט, וואָס גייט צעשטערן...
שטיי אויף, פּראָלעטאַריאַט, דיין צאָרן ברויזט,
אָ, דלות־לעמפּערטן, אָ, קעלער־בערן!..
און ס׳ברומט צו דער פאַלענט: ס׳איז כוח נאָך פאַראַן,
אַ שמעלט צו איבערקערן!

מען האָט אַוועקגעשפּרייזט מיט לאַנגע פיס,
אַוועקגעוויאַסלעוועט, ווי די ציקאַדן;
די אייגלעך פייכטינקע און צוקער־זיס,
צעפאָרן און צעהאָצט, ווי אַלטע מאַדן,
אין פויסט אַריינגעשפּייט און העלדיש צוגעפייפט —
צוויי בלאָנדזשענדע באַלאַדן.

בײטאָג.

ס'איז הײס. דער גליװערדיקער תּמוז ברענט.
אָן שאָטנס העלט דאָס פעלד, װי אױסגעשליפן;
די װײטן בלױע, גליענדיקע װענט,
ס'ליגט קלאָר די װעלט ביז אין די טיפסטע טיפן.
און רו. בלױז האַרטע קלינגענדיקע שטראַלן
אינדערלופטן שטיפן.

און פון די בעק גערונען האָט דער שװײס,
װי ס'רינט פון סאָסנעס אָפּ די טערפּקע סמאָלע;
עס שנײדן שטראַלן, װי חלפים הײס,
און װאַקלדיק פון זון איז מען שױן כּלא...
די לײבער אָפּן... װאו עס הענגט די העמד
און װאו עס שטאַרצט אַ פּאָלע...

ביי דער שטאָט.

אום האלבן טאָג האָט מען דערזען, דערזען:
עס בלומט די שטאָט אַרום אין אַלע טאָלן;
די פענסטער שפּריצן אינם תמוזדיקן ברען;
עס שרייט דאָס בלעך אויף רויט און גרין באַמאָלן;
די צלמים פלאַקערן פון קופּלען־ציבעלעס,
און ס'לויפן טורעמס, ווי קריסטאָלן.

עס דאַמפט. עס ברומט די אָנגעגליטע שטאָט,
מיט הימלען דורכגעזעגט פון שוואַרצע טרויבן,
מיט שטימען ווינטיקע אין קאַלטן דראָט — — —
עס בליצט די שטאָט אַדורך מיליאָנען שויבן.
און ס'הוילט דער רער. און ס'ברילט רי ראָד. און די
עלעקטרע טאַנצט פון אויבן...

געבליבן איז מען העשעדיק און שטום,
געקוקט מיט הייסע, קיילעכדיקע אויגן — — —
ס׳איז וואָר? צי אפשר טורעמט זיך אָרום
אַ חלום ניט געשטויגן, ניט געפלויגן?.
אָ, יאָמער=טאָל! דיין נעפּל איז אַ רויך
און אײַזן איז דיין רעגנבויגן!..

עס שטייען לאַנג באַדריפּעט און פאַרשמאַכט
די בלויע בעל=חלומות פונם קעלער — — —
די שטאָט פאַרגייט. עס קריכט די נאַסע נאַכט
פון די בית=עלמינס, תפיסות און שפּיטעלער — —
פאַראויס!.. אַ בליץ שניידט דורך די מאַביקע
נשמות העל און העלער.

פייערלעך קליינע

געזען האָב איך יידישע ווערטער, ווי פּייערלעך קליינע,
ווי פּייערלעך קליינע.
ווי פונקען, געצויגן פון פינסטערן אַרץ.
געפילט האָב איך יידישע ווערטער, ווי טייבעלעך ריינע,
ווי טייבעלעך ריינע.
די טייבעלעך וואָרקען אין האַרץ...

תשרי

עס האָט אין תשרידיקן לאַנד אַ קאַלטער פלאַם אַראָפּגערעגנט.
פון וואַנען פליִצט דער טונקלער, ברוינער גאָלד, פון וואַנען?
ווי קאָן איך איצטער ערגער זיין פון וואָגלענדע בוטשאַנען
אין אונזער געגנט.

קראַנק בין איך, אָ קראַנק אין טעג די שאַרלאַך־דינע,
און כ'גלויב: אויף אָט־די לאַנגע, רויטע הענט פון ביימער
בין איך אויפגעהאַנגען איצטער איינער
אויף מיין געל־געוואָרענע טשופרינע.

אָ, תשרי, תשרי... ס'ליגט דיין ריינע האַרץ אין צווייגן,
בלוטיק, ווי אַ קאַווענע צעשניטן,
און זע, און זע דעם קילן פלייצנדיקן בלוי אינמיטן,
וואָס די ווילדע קייקלט דורך אין שטאָליק שטילע ווייען...

אָ, תשרי, תשרי... איך האָב דיך ברייט באַגעגנט
און כ'טראָג זיך שווימענדיק אין גאָלד דיינעם פון דאַנען,
ווי קאָן איך איצטער ערגער זיין פון וואָגלענדע בוטשאַנען
אין אונזער געגנט.

* * *

אַ שטיל געזאַנג אין אָוונט־בלוי... ס'איז דאָ אַ שעה...
דעמאָלט שווימען בלויע שיפן אין דער וועלט,
דעמאָלט ווערן אויגן לויטער אויסגעהעלט,
און ס'איז די וועלט פאַראַן און ס'איז די וועלט ניטאָ...

דעמאָלט פאַלן שטילע ווערטער, שטילע תפילה־רייד:
ס'לייכט די זעלע אויסגעלייטערט פון דער טונקלער שייד.
שטיל. עס הייליקט זיך דאָס לעבן ציטריק אומעטום.
פינסטער־מיד אין פרעמדע לענדער גייט אַ מענטש אַרום...

* * *

שטומט, צוויגעלעך, שטומט
אין זילבער־שיין...
דיין אומעט פון די לאָנקעס קומט,
האַרבסט!
אָ: לאָז מיך ביי דיין איבמיין זיין...

די געלע אויגן מאַכסטו צו
אַליין...
עלנט שטאַרבן וויל איך, שטיל, ווי דו.
האַרבסט!
קוים אַ מנין — אַ לוויה — ציט... און שיין...

* * *

עלנט ליד, דו וואַקסט דיין רו
און ציטערסט ווי אַ מירטנבלאַט,
פֿון כוואַליע אויס אויף כוואַליע צו
אַ זעגל בלאָנדזשעט מיד און מאַט.

פֿאַרשטיקטע טרער פֿון האַרצן טיף
און שטומער האַרבסטיקער געוויין;
אין קריעס איז אַ שוואַרצע שיף
פֿאַרפֿראָרן בלייבט אויף אייביק שטיין.

דאָס בלוט פֿון וואונדן רינט און רינט;
עך, ווייטיק האַרץ! די יוגנט ווייט...
אין ווערבעס וויינט ביינאַכט דער ווינט
און קלאַפּט אין פֿענסטער שטילערהייט.

מְ נ חֶ ה

אין דיינע צימערן איז רויק, שטיל אַזוי, מיין קינד,
דאָס בלוי רינט אויף דער ערד פֿון אַלע הימלען וואַרעם־לינד,
די זון איז היינט פֿאַרגאַנגען אָן געשרייען. און די טונקעלע געשטאַלטן,
אויף די גאַסן — האָט זיך איטלעכער אין הויז, זיין הויז באַהאַלטן.
און איך איינער. און מיין וועג פֿירט תּמיד דאָך, דו איינציקע, צו דיר,
כ'לייד מיך פֿון גיפֿטיק־שטילער פּראַכט, וואָס ווייט פֿון דיין געשטאַלט אויף מיר.
אויף מיר...
די אומרייפֿע חלומות צערן אויס דאָס ריינע ליכט פֿון זעלע,
און כ'וויל דאָך גאָלדיק גיין אויף שטרעקעס טוי־באַגאָסענע אין העלע,
און כ'וויל דאָך גאָלדיק גיין...
אין די פֿיר אײלן זיין, וואו ס'לייכט דיין טרויעריקער חן,
דאָס ריין געזאַנג פֿון דיין געמיט־ליד, בעת עס וועבט זיך קוים־קוים פֿילן,
ווען דאָס בלוי ווי איצט זאָל גיסן זיך אין פֿענסטער, זאָל זינגען שטיל און שטילן
שטיל דעם ווידוי־ווי, וואָס שטראָפֿט דאָס יונגע האַרץ פֿאַר זיינע זינד...
אַזוי מיין קינד,

איך האָב געשולדיקט פיל, ניט וויסנדיק, אָ, וואָס איך טו.
איצט וויל איך תשובה טון און אויסבעטן פאַר זיך אַ ביסל רו,
איצט וויל איך תשובה טון...
די מנחה=שעה איז נאָענט. עלנט ליגט די וועלט, פאַרלאָזן
פון דער זון...
ס'איז בלוי און בלוי. עס שימערט נאָר אין דיינע צימערן אַ
בלאַסע דינע שיין.
ווען ס'עפענען זיך די טויערן פון הימל, זאָל דיין ווייכע=ווייכע
האַנט אין מיינער זיין.
מיד פון אומקלאָרע געזאַנגען, לאָמיר שפינען די אַנטפּלעקונ=
גען פון אויבן,
איינדרעמלען און גלויבן, גלויבן, גלויבן...

געשרייען

צום הימל גייט אויף ביידערנאַכט אַ געשריי:
אָ, וואָס טוען מיר, גאָט, אויף דער ערד?!
דער מלאך ביים הייליקן טויער, געבויגט אויפן שווערד,
פאַרבראָכט זיינע פליגלען פון וויי.

צום הימל גייט אויף ביידערנאַכט אַ געשריי...

צו חצות הושענה־רבא ווערט שטיל מיטאַמאָל,
די פעלדער פון שטערנדלעך פינקלען און ווימלען...
דאַן קלאָגט אין דער נאַכט זיין פאַרבאָרגענער קול:
„אָ, וואָס טו איך אַליין אין די הימלען?!"

* * *

איצט איז נאָך מיין שטיבל באַהאַנגען מיט אײער
און ס'גיסט נאָך די שקיעה איר ווין אין די שויבן.
אָ, ראָזיקער עלנט! איך שטיי בײ דעם פענסטער
און שיק אין די פעלדער פונאַנדער די טויבן...

עס וועלן דאָך זיגער דערפילן מיין שטיבל,
וואָס שטייט שוין פון לאַנג בײ דער זייט פון די וועגן,
און איינער אַ גרויער וועט זאָגן: אָט לאָמיר
זיין איינציקן בריקל צום לעבן אָפּוועגן...

דאַן וועל איך דאָך מוזן אַוועק אין די פעלדער,
וואו ס'ליגט אין די ברעגן אַ טייכל אַ קאַלטער,
און הערן, ווי וועלן צו וועלן דערציילן:
„אָט גייט ער, דער חרובער בחור, דער אַלטער"...

— האָסטו ברויט?
ער האָט געענטפערט שטילערהייט:
„אָ, ליידער, ליידער איצטער ניט...
אַמאָל האָב איך געגעסן אַליין,
אי קרויט, אי מערעלעך,
אי רעטעכלעך מיט שמאַלץ,
נאָר איצטער ניט"...

— האָסטו קליידער?
טונקל איז געוועזן אין חדר,
זיין פּנים האָט נאָר בלייך אַרויסגעשיינט:
„די הויזן מיינע זעט מען ניט,
אַ מאַנטל ליי איך ביי אַ פריינט"...

— האָסטו וואו אַן אָרט ביינאַכט?
ער האָט זיך אומעטיק צעלאַכט:
„מען נעכטיקט וואו אין היי, אין מעקענע,
אין מאָך, אין האָפּן...
און ווינטער שלאָפט מען אין אַ פיר=הויז
מיט אַ שייטל האָלץ צוקאָפּן".

* * *

גיי איך מיר אַזוי אַרום, אַרום, אַרום
אַ יאָר, און צוויי, און דריי, און ס'קאָן זיין מער;
איך קום אַזוי זיך, ניט געבעטן, אומעטום, אומעטום,
און אומעטום איז וויסט און לער...

ס'איז וויסט און לער,
און אומעטיק,
און נודנע שווער,
ברר!...

* * *

דאָס רעגנדל טריפּט
אַזוי פּינקלענדיק־פּיין,
גאָט האָט געהייסן
אונז קינדערלעך זיין...
שטילינקע מיין!

פון פרישן און וואַרעמען
בערגעלע מיסט
דאָס הענדעלע ווייס
האָט אונז ביידן באַגריסט,
און ס'האָט אים דאָס ריטשקעלע
איבערגעמישט...

— אַמאָל איז געווען
אַ שעפּסעלע שיין,
אַ שעפּסעלע קליין,
איז עס געווען
אַליין און אַליין...
ס'איז אמת, צי ניין?

„ניין".

— איז עס געווען
אַ ציגעלע קלאָר

מיט גילדערנע גלעקעלעך,
גילדערנע האָר...
„פרישינקע גלעקעלעך
ליב איך ביז גאָר!"...

— עופּעלע, ווייסט ניט וואו אויס און וואו אײַן,
גאָט האָט געהייסן
אונז, קינדערלעך, זיין...
שטילינקע מיין...

* * *

דער נאַכט-געוועלב איז אויסגעגאָסן קאַלט און רונד
דער שטאָט אַרום.
פּאַמעלעך בלוטיקט שטיל און שווער מיין פרישע וואונד,
דאָך בלייב איך שטום.

אַ פרעסטל הילכט. צוזאַמען מיט דעם בלויען רוים
טרינק איך די קעלט.
און כ'שוויינ פאַרשלאָסן אין די היילן פון מיין טרוים
אין אייגנוועלט...

* * *

ווען כ'האָב פאַר זיך דעם לעצטן טויער
צוגעמאַכט,
האָב איך אַוועקגעשיקט דעם שטילן טרויער —
געקלונגען, טיף געקלונגען
האָט די נאַכט.

דער ווייסער פּאַלאַץ פונם טויט
וועט שטוינען איינזאַם אין דעם מאָרגנרויט...

באַגינען וועט אַ וואַנדערער אין טאָל
זיך רוען ביי אַ ברונען...
און פרום וועט ציטערן זיין קול:
אַ פרעמדער טרויער
האָט זיין ווידוי־ליד געפונען!

דער ווייסער פּאַלאַץ פונם טויט
וועט שטוינען איינזאַם אין דעם מאָרגנרויט.

אַ לבָנֶה-נאַכט

ס'איז אויסגעלבנהוועט, רויק אין חשוון אַ נאַכט — —
וויך, צווישן די זייד-שוואַרצע שוועסטער, אַ ווייסע שלייכט זילבערדיק-וואַכט

אין חשוון אַ נאַכט.
ריין הילכעדיק גליווערט דאָס לאַנד אויף פאַרחלומטע מײלן.
אַ מירמלנער שלאָס. ס'רינט דאָס בלאַנקעניש מאַט אויף די זיילן.
ס'שטוינט דער חלל דער קאַלטער, פאַרשלינגענדיק בלאָנדזשענדע קולות.
ס'רירט זיך אַ ווייכינקער גלעקעלע הויך אין די קופּלען פון תכלת,
צעגייט זיך אַלץ איינזאַמער, ווייכער און רירט זיי קוים ציטערדיק אָן.

און רירט זיי קוים ציטערדיק אָן:
גלין, גלין, גלאָן.

חשוון ג' מינסק.

* * *

געזאַנגען אומקלאָרע... דיין שטאַר אויג קאָן געפינען
נאָר קאַלטע ווערטער איינגעפּאַסטע זיכער: —
מיר לייכט דאָס ציטריק וואָרט, ווי פּערל־טוי באַגינען,
אויף בלעטער ליכטיקע פון ביכער.

איך האָב געליבט די העלסטע זעל פון פרויען,
(און אפשר האָב איך זי אַליין באַשאַפן?...)
נאָר כ'האָב איר הייליקייט געמוזט פאַרטרויען
די ריין געשליפענע, געשניצטע טראָפן.

די מירמל־וואָלקנדלעך (אין האַרץ פון דיכטער)
פון היים־לאַנד שווימענדע און פרעמדע ערטער...
איך בענטש איך, וואַלגענדע, איך צינד איך ליכטער: —
די קלאָר־קריסטאַלענע, צעשטראַלטע ווערטער...

* * *

אפשר זינג איך... ס'רירט זיך אַ ווידנס אין האַרצן,
ס'רינט אַ ציטערדיקעס טיף אין בלוט.
ניין... איך ווייס ניט... יאָ... אַ שכינה קומט אין שוואַרצן,
שלייכט אין צימער מיט דעם אָוונט־גלות — —
אפשר זינג איך?!...

כ'נעם דאָס תהילימל; אין ווילבערן געבונדן —
דאַווגען, קערן בלעטלעך.... די שעה פון רחמים קומט — — —
עס לעשט די נאַכט, וואָס ס'האָט דער טאָג געצונדן.
שטילער... עפּעס רירט זיך — — — אָ — אָ — אָ...
אַ ניגון ברומט..

אפשר זינג איך!...

* * *

אין גאָרטן, בײַנאַכט, אונטער בליענדע צווייגן,
אַ האַנט אין אַ האַנט וועלן ביידע מיר זיצן
און שווייגן...

די בלאַסע לבנה פאַרשטילן וועט אונזערע ליידן,
וועט וועבן פון רייקן זילבער אַ חלום
אייך ביידן.

מיר זיינען פאַרטיילטע, פאַרוואָגלטע טייבן —
לאָמיר זיך טוליען, ווען קיינער באַמערקט ניט,
און גלויבן...

און ווען אין אַ נאַכט וועט פון אונז ווער ניט קומען, —
ניט וויינען, ניט טרויערן זאָל דער פאַרלאָזטער,
נאָר שטומען.

אין גאָרטן דאָרט אונטער די בליענדע צווייגן
זאָל ער די פאַרציטערטע פינגער פאַרברעכן
און שווייגן...

* *
*

ווער גייט אין סאָד אַצינד, ווער גייט?...
ניטאָ דאָס וואָרט, וואָס זאָל דעם סוד פאַרזיגלען,
ניטאָ די האַנט, וואָס זאָל די טיר פאַרריגלען
שטילערהייט...

פליט אַדורך די לאָדן, נאַכט, פון וואַלד און פליין,
עס רוט מיין קאָפּ פאַרבראָכן אויפן טיש.
ס'איז איצט די גאָרע וועלט אַ ציטעריק געמיש
פון לידער שטילע און באַהאַלטענעם געוויין...

עס בעט דער סאָד אַצינד, עס רינט דער טוי,
עס זינגט דער פאַרבן-קלאַנג פון שוואַרץ און בלוי,
עס שווימט דאָס לעצטע ליד פון מערב=ראַנד,
עס קוועלט דער טרויער נאָכאַנאַנד...

אַ לְבָנָה־נאַכט

אין ווייטער שטילקייט שווימט די מלכּת־שבֿא,
עס פֿינקלען אין דער נאַכט דער קילער אירע שלייערן —
חלומות פֿון דעם הימל־בּלוי....

און אָפּגעלאָשענע לבנה־ליכט
טריפֿט זאַפֿטיק־קיל
אויף יעדן דערפֿעלע, וואָס דרעמלט אינדערשטיל...

און ס'דרייט זיך אום אַ ווייכער שטראַל,
וואָס בּינדט צונויף:
דאָס הינדעלע אין הויף,
דאָס פֿישעלע אין זיין געוועסער,
און ס'ווייסע לעמעלע אין שטאַל — — —

אין ווייטער שטילקייט שווימט די מלכּת־שבֿא
פֿון אירע ציטערדיקע מירמל־שלעסער...

עס טרעפט...

עס טרעפט, אַז די וועלט זינגט אַרויס אַ פֿאַרבאָרגענעם ניגון,
דאַן ווערט אויף אַ רגע געהייליקט דאָס לעבן — — —
עס שווימען אַרויס יענע תּפילות, וואָס ווערן פֿון יערן פֿאַר-
שוויגן,
אַזוי נאָענט, אַזוי איבערגעגעבן...

דאַן גלויבט מען, אַז יעדערנס עלנט איז שווער, איז ניט אי-
בערצוטראָגן,
ס'איז יעדערנס בראָך
אַזוי אוממענטשלעך טיף, אַז מען קאָן נישט ניט ריידן, ניט
קלאָגן,
און דאָך...

הונגער...

כ'גיי דורך ראָזע אָוונט־פאַסן,
ס'וואַרפט די נאַכט שוין שוואַרצע פיילן,
כ'האָב אַ טרייען פריינד אַ בלאַסן —
הונגער פירט מיך... הייסט זיך איילן...
ס'שווינדלען שילדן, הייז און גאַסן,
וויגט זיך, וויגט זיך, הימל־מיילן!...

הונגער, עך, דו דאַרע קליאַטשע,
לייגסט דיין קאָפ אויף מיר אַנידער,
און אין שוואַרצער עקזאַלטאַציע
טאַנץ איך, שפּרינג איך, כ'שריי אַ מידע:
פאַציע! אַציע! מאַריאַנאַציע!
הונגער פייפט אין מיינע גלידער...

אַחד=העם

אין גרויען ישוב שטייט די שול פון גאָט פאַרלאָזן,
ס'פאַרוואַקסט דער מאָך די ווענט, דעם פּאָליש און די טירן,
צום עזרת=נשים קרומע, פוילע טרעפּלעך פירן.
די געגנט שטוינט. עס וועלקן גאָלדיק, אומעטיק די גראָזן....

אין שול איז אומקלאָר=ציטערדיק.... די עצבות זינגט פאַרבאָרגן....
אַ שטילער מנין אָנגעקומענע פון שטעט און לענדער,
ס'בעט איטלעכער פאַר זיך, געבויגן אויף זיין שטענדער:
אָ, שומר, ווען נעמט נאַכט אַ סוף? אָ, וועכטער, ווען ווערט מאָרגן!....

עס שלייכט צום עמוד ווער, געזאַלבט פון אַלטן טרויער:
ס'איז ער, דער העלער, מירמל=קאַלטער דיכטער,
דאָס קינד פון יבנה דאַרשט דאָס ליכט, וואָס נייט פאַרלאָרן...
אַ ווייטער בת=קול רופט און רופט פון אַלט=צעשטערטן מויער — — —
און גרוי און גרויער ווערט. ווייס שימערן די קיטלען און געזיכטער....
און ס'דאַכט — די ספרים גוסן אין טונקלקייט פון אָרון...

זון־פאַרגאַנג

דאָ, און אום, און אויס, און אַיין,
ראָזער, רויטער, ריינער ווין,
שיין, שיין, שיין,
איך בין אין שיין אַריין.

פון דער שטילער מערב־וועלט
האָט דאָס רויטנס אויסגעקוועלט,
ווייך און ציטערדיק אַזוי,
אין נשמות אָפּגעשיינט
און אַ הייב געגעבן זיי
מיט דער גאַנצער גרינגער וועלט
און געלאָזן זיך אַזוי — — —
שווימט דאָס לעבן אויסגעהעלט,
רויק, רויקער פון רו,
שווים איך, שווים איך, שווים איך מיט
מיט מיין ריין און ראָז געמיט
און איך מורמל עפּעס שטיל,
כ׳זינג אַ לידעלע אַזאַ:
טאַ־טאַ־טאַ, טאַ־טאַ־טאַ,
ציל, ציל, ציל — — —

דאָ, און אום, און אויס, און אַיין,
ראָזער, רויטער, ריינער ווין,
שיין, שיין, שיין,
איך בין אין שיין אַריין.

גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן

גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן
פון די פרישע מענטשנס וועגן!
די, וואָס וואַקסן שטייפע, רויע
אונטער דיינע הימלען בלויע,
אַז זיי זאָלן זיך צעבליען
ווייס אין בלומען, ווי אין שנייען,
אַז זיי זאָלן זיך ניט קניען
אין די זאַפטיק-שטאַרקע ווייען...
אויסגעמישט מיט מאָך און באָדן,
זאָלן זיי ווי דעמבעס ווערן,
און אין רעגנס אויסגעבאָדן,
פון דער פעטער ערד זיך נערן.

גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן
אויך פון מענטשנס שטילע וועגן!
אַז זיי זאָלן גרינג דערלעבן
רו און ליכטיקייט אין שווייגן,
און ווי פייגעלעך אומשוועבן
העל אין זייער הייליק שטייגן...
שטילע, שעמעוודיקע, צאַרטע,
פונקט ווי גייענדיקע בלומען,
מייד זיי אויס פון בליקן האַרטע,
וואו זיי גייען און זיי קומען...
צאַרטע, שעמעוודיקע, שטילע —
איז דיין וועלט פאַר אָט די טויבן
ווי איין גרויסע שעה פון נעילה,
דיך צו לויבן... דיך צו לויבן...

31—I—1920

* * *

...איך טראָג עס נייס אין יונג געמיט: —
אַ ליכטיק פּנים און אַ ליד...

דאָס ליד, וואָס פליסט אַרויס אָן קלאַנג,
וואָס וועבט פון זיידנס זיין געזאַנג...

אַ קוועלכל עפנט זיך אין זעל
און ס'פליסט אַ בענקשאַפט ריין און העל:

פאַרוואָס זעט אויס דאָס לעבן טריב?
פאַרוואָס האָב איך דיך, ליבסטע, ליב?

* * *

ס'לייכט ליכטיק-לינד דיין זעל אין העלן ווײַ,
ס'איז ריין דיין קעלעכל, ווי שניי, ווי שניי...
דיין אָפּבילד רייניקט אונזער שטילע הויז,
דיין נאָמען שיינט צו מיר און לייזט מיך אויס,
איך בעט דיך, ליבינקע, צו יעדער צייט:
נאַכסאָל ביסטו, מיין קינד, געפלויגן ווייט?!

מיך רופט דיין זעלע-רו, וואו כ'שטיי און גיי,
ס'איז ווייס דיין קעלעכל, ווי שניי, ווי שניי...
וואו ביסטו, קינד דו מיינס? דו מוזט דאָך זיין —
דיין חלום היילקט מיך און שלעפערט איין.
איך גיי אין לעבן אום ביים זייט, ביים זייט...
נאַכסאָל ביסטו, מיין קינד, געפלויגן ווייט?!

ווער ווייס, וואָס ווייט דער ווינט אין לאָד אַזוי,
ס'איז ווייך דיין קעלעכל, ווי שניי, ווי שניי...
עס וועבט אַ ווייסע טויב אַ ליב געוועב
אויף אונזער שטילער הויז, אַוואו איך לעב:
איך זיץ און כ'רוף צו דיר אין פינסטערקייט:
נאַכסאָל ביסטו, מיין קינד, געפלויגן ווייט?!

* * *

די ווייכע אַקסלען ציטערן פון מיין באַריר,
שטיל בויגט זי אויס צו מיר איר בלייך געזיכט.
איך שפיר אַ קלאַנג ווי פון יאַפּאַנישן געשיר,
און כ'אָטעם איין באַרוישט איר דינעם ליכט.

דאַן בויג איך גאַנץ זיך צו צום ווייסן האַנט
און גרינג קלינגט אויף דאָס בלוט אין יונגן גאַנג,
ווען איך פאַרבלייב אַזוי דאָס לעבן לאַנג
ביים ליכט פאַרבויגט, וואָס לייכט מיר אומבאַקאַנט.

* * *

אַ בן־מלך האָט זיך פאַרשטעלט אין אונזער געגנט פאַר אַ פאַסטעך,
האָט ער געפיטערט אויף דעם טאַטנס לאָנקעס זיינע שאָף.

עס האָט געשמעקט זיין פעלצל אין זיין לייוונטענע טאָרבע
מיט שטאַרקע קרייטעכצער פון וואַלד און פליין,
ער האָט גענעכטיקט אויף די פעטע נעפל־פעלדער,
דאָס פרישע פאַסטעכל, דער בן־מלך אַליין!

ער פלעגט אין ווייטן טאָל באַגלייטן די לבנה
און אויף אַ הויכן בוים באַגעגענען דעם מאָרגן־רויט,
ער האָט זיין דאָרשט געשטילט ביי קלאָרע וואַסערן
און פלעגט מיט פייגלען טיילן זיך זיין ברויט.

איינמאָל איז צו אים זיין בת־מלכה געקומען,
און אַ פאַרבלוטיקט שעפעלע געטראָגן,
און געדאַרפט אַ זיסע בשורה אים אָנזאָגן,
האָט דער בן־מלך, דאָס פרישע פאַסטעכל, געשוויגן
און נאָר דאָס שוואַכע לעמעלע אַרומגעבונדן.
ער האָט זיין שטילע טשערעדע אין וואַלד פאַרטריבן
און ס'איז דער בן־מלך, דאָס פאַסטעכל פאַרשוואונדן — — —

רייסיש

אָ, ניט ווי די ברוינע סאַזשלקע איז זי שטיל,
און ניט דער סאַמעטענער שוואַלב איז איר פּייגעלע, —
איך זאָל שיקן אַ גערוס צו איר,
ליבער איז זי אַפילו פון דער גרויער קוקאַווקעלע.

אָ, ניט צו דער קוקאַווקע איז זי גלייך
איך זאָל איר הערן רופנדיק...
אפשר איז זי ווי די ריאַבינע, וואָס שטייט ביים פענסטערל,
ווי די ווילִיע,
ווען זי איז נאָך קיין טייך ניט געווען,
ווען זי איז אַ לבנהדיקע געזעסן אינם אַלטן שלאָס
און אַרויסגעקוקט צום ים.

דו ביסט ווייט פון מיר און מיין מזל איז איך, אַן אַנדערער,
ווייל איך בין געגליכן צו דעם לאַנגן פוקס,
צו דעם גרויען וואָלף
און צו דעם דעמב, וואָס האָט קיין בלעטער ניט.

פאַרוואָס, לאַנגער פוקס, האָסטו קיין באַוואָרער ניט —
און איך בין אַן עלנדער אין פעלד...

פאַרוואָס, גרויער וואָלף, האָסטו קיין נאָרע ניט —
און איך בין אַ פאַרשטויסענער...

פאַרוואָס, אַלטער דעמב, האָסטו קיין בלעטער ניט —
און איך קיין מזל ניט...

* * *

װעסט אָנטאָן דײַן גילדערנעם רינג אויף דײַן פֿינגער,
און איך טראָג דײַן אײַזערנע קייט.

ברען אויסעט די ערטער, װאו איך בין געשטאַנען, —
כ'װעל אויסברענען דיך פֿון מײַן האַרץ.

אָ, גרויסינקע שפּערלען, איר קומט צו דער קבורה, —
צו אײַך איז געװען זי פֿאַרגליכן.

און אײַך, בעט איך, ברידערלעך שװאַלבן
ביים פֿענסטער:

ניט ליבן זיך אָפּן,
װײַל כ'זיץ אויף דער ערד אין אַבלות;

די נעסטן ניט בויען,
װײַל זי איז אַװעק פֿון מײַן הויז...

די חתונה

(פאָלקסמאָטיוו)

I

דאָס שטיבל האָט מען אויסגעקאַלכט
און ריין געמאַכט די דילן;
עס קומען באַלד מחותּנתטעס
און קלעזמער וועלן שפּילן.

מיין חתן איז אַ יונגערמאַן
פון גרויס־מדינה פּוילן;
זיין בליק איז הייס, ער ברענט און גליט,
ווי פייער גליט אויף קוילן.

נאָר ער איז יונג אַזוי און בלאַס,
ער קושט מיך שטיל אין שטערן,
ער גלעט מיין האַנט און שמייכלט מיר,
די אויגן גיסן טרערן...

II

דער טאַטע האָט אָוועקגעשיקט
צום פעטער שמואל־יאָשען;
צום מילנער אויף לודהאַוויער שליאַך,
צו בערלען און צו סאָשען:

זיין טאָכטער איז שוין כּלה־מויד —
וואָס ס'דאַרף זיין, איז געוואָרן; —
זיי זאָלן שפּאַנען גלייך די פערד
און קומען באַלד צו פאָרן.

למען־השם, למען־השם
זאָל קומען פעטער־יאָשע, —
דער חתן איז אַן אויסנאַם־זאַך,
און ט'זאָגן אונז אַ דרשה...

III

די מאַמע זאָגט: די פורן קומען —
קרובים, גוטע געסט,
אין אָנגעפּאַקטע וועגענער,
ווי פּייגלעך אין אַ נעסט...

מען טראָגט די טאָרטן, אײַנגעמאַכטס,
די פולע פלעשער וויין,
די בּראַנפנס, קערבּ מיט האָבּ און גוטס,
אין גרויסער שטובּ אַרײַן.

IV

אַיי, כאָדראָם און כאָדראָם
און בּים-באָם-בּום...
עס טאַנצען די מחותּנתטעס
אַרום און אַרום:
בּערל כאַפּט דעם חתנס קיטקע
און ער טאַנצט מיט איר
באַשע טאַנצט אין קרינאָלינע
סאַמע ביי דער טיר.
אַיי, לעבּעדיק און האָפּעדיק,
און לעבּעדיק און פריי...
אַיי, מען פירט די חתן-כלה!
אַיי! אַיי! אַיי!

V

דערלאַנגט אַהער די קאַרפּן־קעפּ,
די שלייען און די הינער־זופּ,
די העלזלעך פון די טשאָלנט־טעפּ,
און חי — געלעבט זאָל זיין!...

מען לעבט נאָר איינמאָל אויף דער וועלט
אָי, אָרע־צרה, קום אַהער,
וואָס האָסטו זיך אַוועקגעשטעלט,
אָט נעם אין מויל אַריין!

יויך צו פולע שיסעלעך,
און משקה אויך צו קאַפּעלעך,
צו קאַפּעלעך, צו ביסעלעך,
און נעמט זיך אָן מיט מוט!

וואָס שטייט איר דאָ אין קופּקעלעך!?...
אָט נעמט זיך צו די צימעסלעך,
די קוגלען און די פּופּקעלעך —
און זאָל אונז גיין גאָר גוט!...

VI

די כּלה זיצט אַ פריילעכע
ביים חתנס טיש אַליין...
אָ, כּלה־קרוין! וואָס טוסטו, וואָס...
פאַר לייטן איז ניט שיין...

זיי זיצן ווי די טייבעלעך
און ריידן נאָכאַנאַנד...
אָ, כּלה־קרוין, מיר זעען דאָך, —
דו גלעטסט דעם חתנס האַנט...

אַ לאַנגן, לאַנגן סיון־טאָג
האָט אָפּגעפּאַסט די פּאָר;
דער אייבערשטער זאָל צושיקן
זיי מזלדיקע יאָר...

דער חתן איז אַ שוואַכעס קינד,
איז אומעטיק און בלאַס.
אַ קלייניקייט! אַ בקי זיין
אין פּוסקים און אין ש״ס...

דער אייבערשטער זאָל העלפן זיי,
ווי כ׳ווינטש זיך נאָר אַליין,
מיט קינדער — יידן ערלעכע,
מיט אַלדאָס גוטס — אָמן!

מיר האָבן, ליבסטע, בײם שפּאַצירן,
צװײ עמער לײדיקע באַגעגנט,
צװײ עמער לײדיקע באַגעגנט;
דו האָסט געזאָגט: ס'װעט װאָס פּאַסירן...

אין שרעק בין איך, מײן טרײסט, געבליבן: —
אַ שװאַרצע קאַץ איז די גאַס איבער,
אַ שװאַרצע קאַץ איז די גאַס איבער,
װען כ'האָב דיר פינגערלעך געקליבן.

פאַר װעמען זאָל איך איצט זיך קלאָגן?!
כ'האָב ניט געקאָנט דײן שטוב געפינען,
כ'האָב ניט געקאָנט דײן שטוב געפינען,
װען כ'האָב מתּנות דיר געטראָגן.

מיט װעמען זאָל איך איצט פאַרבלײבן?!
כ'האָב דײן לװיה אָנגעטראָפן,
כ'האָב דײן לװיה אָנגעטראָפן,
װען כ'בין געגאַנגען תּנאים שרײבן.

דאָס ציגעלע...

איך טרייב אַרויס אין פעלד דאָס ווייסע ציגעלע,
עס זאָל זיך פּיטערן אַליין...
דאָס ווייסע ציגעלע, וואָס כ'האָב איר אָפּגעקויפט
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין.

נאָר מיט די לאָנקעס גייט אַוועק, אַוועק, דאָס ציגעלע,
און כ'גיי איר נאָך,
אין אַלטע וועלדער, פּוסטע פעלדער בלאָנדזשען מיר
די גאַנצע וואָך,
די גאַנצע וואָך.

און פרייטאָג האַלבן טאָג בלייבט שטיין דאָס ציגעלע
גאָר אומגעריכט,
און איך דערזע: העט ווייט איז אויסגעשפּרייט אַ לאַנד
אין בלויער ליכט,
אין בלויער ליכט.

אַ לאַנד — אַ לאַנד,
וואו אינדן לויערן אויף אַלע בערגעלעך,
וואו ס'שלאָפט דער בופלאַקס לעם דעם ווילטיר,
אַ לאַנד — אַ לאַנד,
אַ ציטערדיקע, אַ פאַרחלומטע,
וואָס קאָן פאַרלאָרן גיין פון יעדן ריר...

דער טאָג פאַרגייט. דאָס ווייסע ציגעלע ליגט לעבן מיר,
און אויך דאָס ציגעלע ווערט באַלד פאַרגיין,
און אויך דאָס ציגעלע, וואָס כ'האָב עס אָפּגעקויפט
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין.

ווי אַ מאָכיקער שטיין

שטומקייט

וואָס וועט ריידן די שטומקייט, ווען כ׳בלייב מיט איר איינער
אַליין —
איך שטרענג זיך אָן צוריק אײַנגאַנצן און כ׳וויל כאַפּן איר
דופק דערשפּירן.

זי עטעמט פאַרטייעטערהייט פון דער טיף, ווי אַ מאָכיקער
שטיין;
ווי אַ טונקעלער הלל, וואָס געוווירט אַהינטער באַשלאָגענע
טירן,
און לויערט אַ דריקנדע לאַסט פון דער ברוסט, ניט געלעבט
און ניט טויט,
ווי אַ נאַכט, וואָס וואַרט אָפּעט דעם שיין פון פאַרנאַכטיקן
רויט...

שטומקייט. כ׳זיץ פינסטער אַליין אין מיין צימער געליימט פון
דיין יאָך,
עס דרעמלט אין ווינקל אַן אַלטער ראַיאַל מיט אַ פוסטקייט אַ
קילער אין גוף,
די שיינענדע קלאַווישן פאַרן זיך קאַלט, ווי די טעג און די
נעכט אין דער וואָך—

ניגונים געחלומטע-קוים און נאָך ניט געבוירענע היטן זיי איך.
אַ רויקע בלאַסקייט שיינט אָפּ פון די שווערע און טונקעלע
שטאָרן —

כ'זיץ פֿינסטער אַליין. מיין אָנהייב איז לאַנג מיטן חושך צו־
זאַמענגעגאָסן,
מיין סוף האָט ביי מיר זיך אין ברוסט, ווי אַ לויטערער טאָג
אויסגעלאָשן,
און איך בין פֿון עפּעס אַ שטומקייט אַ גרויסער געבאָרן גע־
וואָרן...

כ'וואָלט אויסהאַקן כאָטש פֿון דער שטומקייט אַן איינציקן
פֿונק,
אַז אין האַרץ זאָל אַ גלי טאָן דער ניגון פֿון פֿאַרן געבאָרן...
ס'זאָל פֿלוצלונג אַ לייכט טאָן פֿון טיפֿקייט אַ גליענדער וואונק,
פֿון דעם אורגאָט, וואָס איז אויסגעלאָשן געוואָרן.
כ'זאָל זיין אויף אַ רגע אַזוי, ווי דער קנאָספּיקער בוים אינ־
דערפֿרי,
וואָס טרייסלט אַראָפּ מיט אַ פֿרייד זיינע נעכט פֿון די צווייגן,
אַזוי ווי די הונג'ריקע חיה אין וואַלד מיט אַ מויל אַ פֿאַר־
בלוטיקטן שווייגן,
און קלאָגן, ווי זי, און שטומען, ווי זי.

די הייל

ס'איז וואו פאַראַן אַ בידנער, ווילדער ווינקל,
דאָרט קלאָגן פייגלען און עס שטראָמען קוואַלן אויפן ליים;
זיי קוועלן שטיל אַרויס — אַ שטראָם, אַ ריר זיך און אַ
פינקל...
דאָרט רוישט דער הימל און עס בושעוועט אַ וואַלד געהיים.

איך האָב זיך צוגעהערט צום וויסטן עלנט פונם געגנט;
אַ רויטלעך מאָך פאַרוואַקסט די שווער צעלייגטע היגלען,
עס קרעכצן יאָדלעס אָנגעפּעלצט מיט האָריק־האַרטע צווייגן,
ווי גרויסע פייגלען, גרויע, מיט פאַרדאַרטע פליגלען:
„מיר האָבן זיך מיט אַלץ שוין אָפּגעזעגנט"...
איך האָב דערהערט דעם ווי פון זייער שווייגן.

אַראָפּהאַנגען פון בערג און גרינלעך־פייכטע שטיינער
אין נאַסקייט ליגן אויפן גאַנצן גוף און טראַכטן,
אַז ס'איז דער הימל שיין און ווייטער קיינער, קיינער,
אַז ס'קריכן אום אויף זייער קאַרק נאָר טרוקענע לישייעס,
אַז הינטן, דאָרט אין מערב, שטאַרבן די פאַרנאַכטן,
ווי ס'שטאַרבן פון אַ קויל אין אַלטן וואַלד די חיות.

אויף די בערג בין איך געקראָכן. כ'האָב מיט קרומע פינגער
צעמורשטשעט דערנער, שטיינדלעך שוואַכינקע ווי קויל,
דער נעפל האָט געפּאַרעט פון אַיעדער הייל און גראָבן,
כ'האָב אויסגעשריען: הערט, כ'בין אייער זינגער!

עס האָבן זיך צעקלאָגט אין וואַלד די ראָבן,
„דו נאַריש=טראָפּ!“ האָט אויסגעבּרומט אַ הייל.

אַ הייל האָט צווישן בּערג פון דורות=לאַנג געשלאָפן;
עס האָט פאַרשטיקט פון איר אַרויסגעוויינט דער ווינט.
איר פייכטע פוסטקייט, ווי אַ וואונד, איז גרוי געלעגן אָפן...
בּיינאַכט האָט אומגעשוועבט דער פייף פון אירע שלאַנגען;
עס שווימען דאָרט, ווי נאָדלען, גרינע, גליענדע געזאַנגען.
דאָרט שטעכן דורך די לופט די זיפצן פון אַ קינד...

בּיינאַכט. די שווערע כמאַרעס קריצן ווי מיט טויטע ציינער.
איך בּין אַראָפּגעקראָכן שטילערהייט אין גראָבן,
גרויס און פינסטער. ס'פינקלען אין דער נאַכט די שטיינער...
איך האָבּ דעם קאָפּ אַריינגעשטעקט אין הייל. געזען... דער=
זען — —
ס'האָט מיר אַ קער געטאָן דאָס האַרץ אַ טעמפּער בּרען:
„עס דאַרף די הייל מיך האָבן!...“

די בּליצן האָבן דעמבּעס טיף אין וואַלד געשפּאָלטן...
ס'האָט ווילד געקלונגען יעדער אומגעריכטער שפּרונג
פון בּליץ צו בּליץ. כ'האָבּ צוגעמאַכט די אויגן.
כ'האָבּ בּלינד געגלעט די הייל, געגלעט איר און געשאָלטן.
זי האָט געטעמט הייס און מיך פאַרקרעמפּט געצויגן
אין איר שלונג.

און צווישן מענטשן, אַז אַ מענטש אַ שטילער קומט פאַרבּרענגען,
וואָס איז אין דעם פאַראַן?
דער מענטש וועט סיי=ווי=סיי זיך איינמאָל נאָך אויפהענגען,
דערווייל איז אַייער שניפּס, מיין פריינט, ניט צערטלעך אויס=
געבּונדן.
בּלייבּט רויק... ווען מען וועט מאַרך ווערט איצטער אָנגעצונדן?!...
שרייט ניט, יונגערמאַן — —

עס האָט אַ מענטש...

עס האָט אַ מענטש אין האַרצן־אַש אַ וועלט געפונען: —
אײַזבערג, הײלן, נעכט און הײסע זונען.

שטומט. און אױפגעדרײט, די נעכט אין זײַנע הײלן,
בלאָזט ער שווײַגנדיק אויף טליענדיקע קוילן...

און נעכט נאָך נעכט. דאַן בלאַנדזשען טעג מיט זונען,
ווי העלוועכס אויף אַ טונקעלן, הילכיק־פײַכטן ברונען...

פאַרבײַ, ווי פרעמדס, די טעג פון פרייד פאַרגײען,
אין הײל רויט ס'אָפּשײַן־ליכט פון ווײטע, קאַלטע שנײען...

דאַן אויף אײַזבערג קריכט דער מענטש, באַשײַנט פון לײַדן:
(לײַדן־שפּראַך איז זעלע־רײד, כאָטש פינסטער קוועלט איר
רײדן)...

אַלײן דאָרט שטײט ער גרוי, וואו שטורעמס טויטע ליגן,
איז מיד־פאַרגליווערט, גזיר־רויִק און אַנטשוויגן.

* * *

זינגער תּכלתדיקע, שטילע הימלען...
ס'רינט אַ לויטערקייט פון הויכע צויבערלעכע צימבּלען.
אַקאָרדן קלאַנגלאָזע פון גרינגן, קילן אויבן
פליסן העל, ריינצאַפּלדיקע, ווי די טויבן,
טויבן אויף דער ערד...

ערד —
אַ נבלה, אַלט, אין כּאַאָס אויסגעקערט...

צ ו ו י י...

צוויי מענטשן, וואָס וואוינען אַ טיר לעם אַ טיר;
צוויי שכנים, צוויי בחורים הויכע, —
אַ מיידלדיקס איינס און אַ בריאה אַ בלייכע
(אין מיר, אין מור, אין מיר).
צוויי מענטשן, וואָס וואוינען אַ טיר לעם אַ טיר.

איך שלאָף. פלוצלונג טשוכען זיך עמעצנס הענט...
(אַז איינער גייט שלאָפן שטייט אויפעט דער צווייטער)
ער וויקלט פונאַנדער אַ שאָטנדיק־לייטער
און קריכט אויף די ווענט, אויף די ווענט, אויף די ווענט.
איך שלאָף. פלוצלונג טשוכען זיך עמעצעס הענט.

און אַמאָל, ווען מען זיצט בײַ אַ גלעזעלע ווײַן
(עס טרעפט, אָ, עס טרעפט, הלוואי זאָל ניט טרעפן),
דאָס מענטשעלע טוט דאָן אַ טירל אַן עפן
און שפייט אין אַ פנים אַרײַן...
אָ, אַמאָל ווען מען זיצט בײַ אַ גלעזעלע ווײַן.

צוויי מענטשן, וואָס וואוינען אַ טיר לעם אַ טיר;
צוויי שכנים, צוויי בחורים הויכע, —
אַ מיידלדיקס איינס און אַ בריאה אַ בלייכע
(אין מיר, אין מיר),
צוויי מענטשן, וואָס וואוינען אַ טיר לעם אַ טיר.

דאָס לֵצל

אין געבּלומטע פלודערן, אינם קאָנוס־מיצעָלע
פייקל איך אין פייקעלע, כ'קוליע זיך מיט האַסט...
ניט געלעסטערט! ניט געשפּאַסט!
זעט, רבּותים, זעט און שטוינט,
ווי אַ לצל לאַכט און וויינט, —
כאַ, כאַ, כאַ,
כאַ, כאַ, כאַ,
איך דאָס מאָגער פּיצעלע
טראָג אַ זלידנע לאַסט...

איך האָבּ פיל אַרויסגעלאַכט,
און גאָר ווייניק אויסגעוויינט,
מוז איך איצט אין טיפער נאַכט
פלוידערן, וואָס ניט געמיינט...
טאַנצן, קוליען זיך אַזוי...
וויי, וויי, וויי,
וויי, וויי, וויי,
ווען ס'איז פון גאָט באַשערט
זיין אַ לצל אויף דער ערד...

פייקל, פייקעלע, און שריי,
גרימפּל, קלינג און צימבּל צו!
ס'איז געווען אַ מענטשל פריי,
ווייס איך ווען און ווייס איך וואו,

האָט ער אויסגעקערט זיין פּעל
און געטאָן אויף זיך אַ שפּיי...
ער וואָלט אויסגעשפּייט זיין זעל
סיי־ווי־סיי,
סיי־ווי־סיי,
פּייקל, פּייקעלע, און שריי!..

שאַט, רבותים, ס'מאַכט ניט אויס:
ס'גריזשעט ווען אין האַרץ אַ מויז, —
נאָר צו אַלדי שוואַרצע יאָר,
דאָס איז נאַרישקייטן בלויז...
איך בין לוסטיקלעך ביז גאָר...
קוקט זיך איין!
קוקט זיך איין!

אָט שטעל איך זיך אויפן קאָפּ,
אָט קריך איך אין דר'ערד אַריין,
אָט שלינג איך אַ שווערד אַראָפּ
און איך זינג אַרויס אין טאַנץ
גאָר דאָס פינסטערניש צו גאָט...
ס'איז מיין קערפּערל צו שפּאָט,
כאָטש דאָס נפשל — נאָך גאַנץ
און עס ווייס ניט דאָס און יענץ
אין זיין שלאָף,
אין זיין שלאָף...
עך, פּאַסקודנע וועלט און מענטש,
ס'מוז דאָך נעמען ווען אַ סוף!..

דערקענטעניש

שווער געלעגן אויף דער ערד
און צוגעזען — — —
כ'האָב צוגעהערט
די רויע בערג און פליינען פון דאָס ניי.
רויִק דרעמלט די נשמה,
וואָס איז שוין אומעטום געווען,
נאָר ס'טראַכט דער קערפער סיי=ווי=סיי,
ווי ס'טראַכט דאָס פעלד;
ווי בײַ די טייכן טראַכטן ווערבעס לאָמע
דעם גאַנג פון וועלט.

דו, אַהינטער אַלע טויערן,
וואָס כ'זע דיך ניט —
דו האָסט אַרומגעהאַנגען פינקלענדיק דיין.וואוין
מיט שלייערן.
איך צי דיין משא מיט,
און כ'שטוין
ביים הילך פון דיינע טריט.

אייביק, אייביק...

אייביק, אייביק וועבן זיך די קלאַנגען און די פאַרבן
אין אַ געזאַנג פון ווערן און ניט ווערן,
און אייביק לייכטן־צו די קאַלטע שטערן...

וואו ס'איז נאָר אַמאָל אַ מענטש געשטאַנען,
וואַלגערט זיך אין שטויב אַרום אַ שאַרבן —
די געטער שטאַרבן ניט, און מענטשן שטאַרבן!

אַן אָטעם הייבט זיך אויפעט צו די הימלען
און אויף די שטערן ווערט עד אויסגעגאַנגען,
און אייביק וועבן זיך די פאַרבן און די קלאַנגען...

עס איז אַ שמייכל שטיל די וועלט אַריבער
אין טאָג פון דעם געבוירן —
צעפינקלט האָט זיך ערד און הימל אין אַ חלום פון פאַרלירן...

אייביק, אייביק וועבן זיך די קלאַנגען און די פאַרבן
אין אַ געזאַנג פון ווערן און ניט ווערן,
און אייביק לייכטן־צו די קאַלטע שטערן...

אַ ח ר

(פּ אָ ע מ ע)

אַחר עסט שוין ניט, טרינקט שוין ניט מער.
אַחר איז שוין נאָר אויג און געהער, אויג און געהער...
און אין פעלד, צו דעם נאַקעטן בּרעג צוגעשפּאַרט,
ער ליגט.
ער שווייגט. האָרכט. און האַרט.

„דו, דו, איך האָבּ ליידן אין לעבּן געוואָלט,
נאָר נאָכגיין דיין ציטערדיק־ליכט שטילערהייט:
וואָס איך טראַכט איז די וועלט, און די וועלט איז די
וועלט,
ס'איז דער אומקלאָרער סוד ניט בּאַשיידט.
כ'האָבּ ווערטער און ווערטער, ווי פינקלענדע שניין
קריסטאָל,

געשליפט און געוואָרפן אין קרענץ:
דו, דו, וואָס בּאַטייט אַ מענטש?
וואָס איז אַ בּאַרג?
און וואָס חלומט דער טונקעלער טאָל?
אָ, דו, די פּאַרדהווילענע שייד פונם אַל;
געלעגער פון לאַנג שוין פאַרגליווערטן שטראָם,
דו גאָט!
בּיסטו ניט פון מיין בּלוט אַ געבּאָרענער, בּלוטיקער
שטראַל,
צו בּאַלייכטן דעם תּהום?!"

ביים ברעג. ס'שטוינט אַ קערפּער אַ נאַקעטער שטום. דאָס
איז ער.
אַ הויל בערגל פון אויג און געדער, אויג און געהער...
און די שטים, ווי פון דר'ערד אויס־געקוועלט,
יאָגט,
אַחר קלאָגט, אַחר קלאָגט ביי דעם עק פון דער וועלט:

„כ'טראָג אַרום פון דער גרויער נשמה דעם עול,
ווי אַ קייט.
אָ, פאַרוואָס בין איך ניט טויבערהייט
אויס־געקנאָטן געוואָרן
אַ מאָל...
דו, זע, מיינע רויע חלומות פון ליים,
אין מיין האַרץ — דאָס פאַרנעפּלטע, וואַרעמע פעלד,
וואָס ער זינגט אָן אַ אָטעם געהיים
פון איין וועלט, איין וועלט...
דאָך — דער מאָרגן־ראָז שטייגט אויפעט ניט פון מיר,
דאָס ליכט פאַרגייט
און כ'וועל אין ווייסטער נאַכט צום אויס־געלאָזטן בלאָ
ניט ווערן צו־געלייט...
ווער ווייס, צי בין איך אויף די פעלדער דאָ?!...

„איך ליג און האָרך דעם קילן גאָס פון פייכטע שטערן,
כ'לויער אויף די דינע מילך־וועגן: אין דו, וואו ביסטו?!
נאָר דאָרשטיק דיך אין פרייד־גאַנג צו דערהערן —
פאַרנעם איך נאָר די טויבע קלענג פון רו.
צי וועל איך דיך שוין ווען אַמאָל באַ־געגענען??...
דאָס ליד פון שטומע קערפּערס גליט פון טיף און שטייגט.
זע צו! זע צו!!...
כ'האָב דעמביק מיך אין וועלט אַריינ־געצווייגט,
כאָטש אינם טרוים,
צי וועסטו אינם שטורעם אויכעט מיך באַרע־גענען?!

דו, דו!
כ'וויל פֿאַלן שטום — אַן אויסגעבליטער בוים,
כ'וויל בלומענדיק אין רויטן אונטערגאַנג פֿאַרגיין,
כ'וויל ווייך אַראָפּטריפֿן אַ טוי פֿון זינגענדיקן בלאָ,
ווי אַ געזאַנג,
ווי אַ געוויין...
ווי, סיי דו און איך — מיר זיינען לאַנג ניטאָ!"

ביים ברעג. ס'שטוינט אַ קערפּער אַ נאַקעטער שטום. דאָס
איז ער
אַ הויל בערגל פֿון אויג און געהער, אויג און געהער...
און די שטים, ווי פֿון דר'ערד אויסגעקוועלט,
יאָגט.
אַחר קלאָגט, אַחר קלאָגט ביי דעם עק פֿון דער וועלט.

כוואַליעס.

פון די אָנהייבן און סוף,
פון אומענדלעכקייט געקומען,
אויף דער ערד־ראָד אָנגעטראָפן
און ווי כוואַליעס צוגעשוואומען...
אָפּגעזינדיקט ס'ביסל יאָרן,
קריכן מיר אַריין אין אָרון,
און מיר שווימען שטום אַוועק,
כוואַליעס, צו אַן אַנדער ברעג.

אָ! מיר לעבן און מיר שטאַרבן,
ווי די טענער אין די פאַרבן.
פלוצלונג קלינגען־אָפּ די יאָרן.
נאָכדעם ווייזן מיר זיך ווידער,
יונגע, פרישע, ערשט געבאָרן,
און מיר זינגען נייע לידער.

דורך די צייטן, דורך די דורות
אויסגעקושט שוין אַלע תורות...
און געוואָרפן זיך אין טענץ
מיט אַ הפקרדיקן ניגון,
פלעכטנדיק די לאָרבער־קרענץ
רונד־אַרום די גאָלד'נע געטער,
ביז מיר בלייבן טויטע ליגן
אויף די שוואַרצע טהרה־ברעטער.

אָ! מיר לעבן און מיר שטאַרבן,
ווי די טענער אין די פאַרבן.
פלוצלונג קלינגען אָפּ די יאָרן.
נאָכדעם ווייזן מיר זיך ווידער,
יונגע, פרישע, ערשט געבאָרן,
און מיר זינגען נייע לידער.

פינסטער. די נשמות שטומען...
ס'טראָגט אונז אום אַ גרויסער שטראָם...
און די תהומען אונטן ברומען...
שפרינגען מיר פון תהום צו תהום,
וואו דער טייוול ווייַנט און וואוטיקט,
פירנדיק די שוואַרצע בעלער...
פלאַצט דאָס האַרץ! עס שרייט און בלוטיקט:
פינסטער, נאָר ווי אין אַ קעלער;
ס'איז אַ בלינדע וועלט אַנטקעגן,
וואו דאָס האַרץ זאָל אונז ניט פירן,
לויפן זיך צונויף די וועגן
צום בית־עלמינס גרויע טירן.

אָ! מיר לעבן און מיר שטאַרבן,
ווי די טענער אין די פאַרבן.
פלוצלונג קלינגען אָפּ די יאָרן.
נאָכדעם ווייזן מיר זיך ווידער,
יונגע, פרישע, ערשט געבאָרן,
און מיר זינגען נייע לידער.

קליינע קלעזמער.

קליינע קלעזמער איף די לאַנגע, ווייסע פּייפּיאָלן
רופן צו אַ ווייטער וועלט — —
פון זייערע נשמות העלט
די וויסטעניש פון בלייכע אויסגעשפּרייטע טאָלן.

שטילע הויבן זיי די קאַלטע בערד די קלאָטשעוואַטע
אַרויף צו די מזלות:
טאַטע, טאַטע, טאַטע,
מיר וואַלגערן זיך בלאָטיקע ביי דיינע פּאָלעס...

און מיט האַרטע קלעזמער-היט איבער די אויגן,
אין גרויע באַגינען,
וועבן אַלטע שפּינען
אַ הויל-געוועב פון וויסטן בלוט אַרויסגעזויגן.

אָ, קליינע קלעזמער אין דער ווייטקייט גייען אָפּ מיט טרערן
אַדורך דעם פּייפּיאָל,
קיינער וועט ניט הערן, קיינער וועט ניט הערן
זייער קול.

אין שענק

עס זיצן אַ חברה הוליאַקעס געפּראָפּט אין אַ שענק,
צעשויבערט די שוואַרצע טשופּרינעס,
און שווערע, צעזעצט און צעלייגט אויף די דעמבענע בענק,
עס זיצן און טרינקען אַ חברה הוליאַקעס אין שענק...

איינער פאַרקאַשערט די אַרבל און טוט זיך אַ שלאָג אינם
האַרצן:
— עס זיצט דאָרט אַ וואָרעם און נאָגט...
און איינער הייבט אויפעט דעם ליימענעם קוביק און זאָגט:
— איך האָב אויף די פעלדער פון רוסלאַנד גענעכטיקט,
איך האָב אויף די עלנטסטע וועגן געטאָגט,
אָ, זאָג מיר, וואו קאָן מען באַגראָבן אַ מת,
אַ פאַרוויכערטן לעבן, וואָס שלעפּט זיך און קלאָגט...
און איינער אַ הויכער, אַ גרינער האָט ליבלעך געשמייכלט:
— כ'האָב גאָרנישט פאַרלאָרן, מיין פריינט,
און כ'האָב גאָרנישט פאַרמאָגט...

אין ווינקל אַליין ביי אַ טיש איז אַ גייער געזעסן,
געשוויגן, געשאָקלט זיך קוים און געמורמלט אָן ווערטער:
אָ, זאָגט מיר, ווער האָט מיך אין ערגעץ אַ שענקל פאַרגעסן,
כ'דאַרף זיצן ביים ליידיקן טיש, נאָר איך ווייס ניט צו וואָס,
מסתמא גייט אום מיין באַוואָרער אין אַנדערע ערטער,
מסתמא בין איך דאָ אַ שאָטן — פאַרלאָרן פון זיין באַלעבאָס...
לחיים!

אַ חברה הולטייעס פאַרטרינקען דאָס ביסעלע צייט,
לחיים!
שיכורים פאַריאָגט און פאַרטריבן פון גאָט און פון לייט,
לחיים!

אַ מיידל מיט שיינענדע ווייסלען איז צו שטילערהייט צו דעם
פענסטער,
און שוויַיגעוודיק־טעמפ האָבן אַלע די צורות צו איר אָפּ=
געווענדט,
נאָר פלוצלונג האָט ס'מיידל געטאָן אַ געשריי און פאַרבראָכן
די הענט:
—דאָרט שטייט אַ פאַרגעסענער מענטש ביי דעם ענד פונם וועט,
די ערד, ווי אַ נעפּל, ליגט גרוי הינטער אים, הינטער אים — — —
ער האָט זיך אַליין דורכגעגנבעט אַהין,
זיך אַליין אויסגעקייטלט פון צייט.
איצטער הערט ער, דער מענטש, יענעם הילכיקן, קאַלטן געשאַל
פון דער אייביקער, קלאָגעוודיק־גרויזאַמער שטים
אין אַל...

געליימט איז געבליבן דער עולם פון עפּעס אַ שרעק,
אין טונקעלן שענק איז מען שטום ביי די טישן געזעסן אַ
פלעק לעם אַ פלעק...
עס האָט נאָר דאָס מיידל געוויינט אין דער שטיל און גע=
געבראָכן די הענט,
און הושכניש האָבן די ווייסלען, די ווייסע געברענט,
ווי גלי־ווערים ברענען ביינאַכט צווישן טרוקענעם גראָז...
און עמעצער האָט זי געקושט — אַ פאַרשווין מיט אַ גו=
מענער נאָז.

לידער פון אַן אָרעמאַן

1

כ׳האָב ביינאַכט שטילערהייט אויסגעשליפן
פונם האַרצן אַ דימענט אַ קאַלטן:
טאָמער דאַרף זיך אַ מענטש ווען באַהאַלטן
אין די אייגענע, טונקעלע טיפן.

מיין ליכטיקע נויט וועט באַשטראַלן
דעם לעצטן צעעפנטן טויער.
כ׳וועל שמייכלען פון פריילעכן טרויער,
וואָס איך בין געפאַלן, געפאַלן...

2

אויפן בוידעם זיצט ביינאַכט אַן אָרעמאַן
מיט אַ דינעם שמייכל אויפן פנים;
ער זינגט, וואָס ער איז אויכעט אויף דער וועלט פאַראַן,
און וואָס אומעטום באַגייט מען זיך שוין אָן אים.

עס ציט זיך אויס זיין לאַנגער גוף וואָס העכער, העכער.
ער וויינט. ער זינגט דאָס בידנע ליד פון גרוי און אָרעם.
און די געדאָרנטע, די שטעכיקע לבנה אויף די דעכער
קריכט אום אַרום — אַ ווייסער, גליענדיקער וואָרעם.

אָ, די געלע שטים פון אָרעמאַן, אין טיפער שרעק,
פאַר אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט דער גרויער!
די שטים פון מענטש, אַן אָנגעטאָנענער אין זעק.
וואָס זשאַלעוועט זיך שיידן מיט דעם טרויער!

עס זינגט די דינע פרייד, וואָס איז אין פיין פאַראַן,
ווי קילער וואַסער צווישן נאַקעט־אָפּגעברענטע שטיינער,
אויפן בוידעם זינגט ביינאַכט אַן אָרעמאַן
און די לבנה הערט און ווייטער קיינער, קיינער...

3

כ'האָב דעם מענטשן פֿון זיך אָפּגעשאָבן
ביים ליכט פֿון די רינענדע טרערן.
אָ, ווי גוט עס איז גאָרנישט צו האָבן
און אומגיין דאָ אונטער די שטערן.

ווער עס האָט ניט זיין לעבן צעטראָטן,
וועט קיינמאָל דעם פּיין ניט פֿאַרטרייבן.
כ'בין אַ העלער פּאַפּיר דאָ אין שאָטן
און גאָט וועט אויף דעם איצטער שרייבן.

פּלוצלונג האָב איך מיין פֿרייד אָפּגעגראָבן
ביי פֿרעמדע, פֿאַרבלאָטיקטע שוועלן.
אָ, ווי גוט עס איז גאָרניט צו האָבן
און גאָרנישט ניט ווע‏לן.

4

אַ מענטש האָט אַ שטיבל אין וואַלד אויסגעבויט
און פאַרבליבן אַליין.
געלעבט האָט ער דאָרטן פון גראָז און פון מאָך, און פון
קרויט,
און פון כריין — — — —
אַ מענטש איז פאַרבליבן אַליין.

אָ, ער איז געגאַנגען צו־להכעיס דער וועלט
און געפייפט: טאַ, טאַ, טאַ! טאַ, טאַ, טאַ!
ביז ער האָט דערשפירט אַ בריליאַנטענע קעלט
און אַן אומעט אַזאַ — — —
טאַ, טאַ!

דאָ איז ער אַוועק און אַוועק, ווי געיאָגט.
— ווייס דער חכם אַ ראָט? ווייס דער גרייז־גרויער מאַן?
נאָר ס'האָט אים דער אַלטער פאַמעלעך אין אויער געזאָגט:
„וועגן דעם איז אין בוך ניט פאַראַן" — — —
דער חכם, דער גרייז־גרויער מאַן...

דאָ איז ער אַוועק און אַוועק, ווי געיאָגט:
און געקרעכטשעט: ווײ, ווײ, ווײ! ווײ, ווײ, ווײ!
דער אומעט, דער דינער, אין אים האָט געקלאָגט
אַ ווייסער ווי שנײ — — —
ווײ, ווײ!

אַ מענטש האָט אַ שטיבל אין וואַלד אויסגעבויט
און פאַרבליבן אַליין.
געלעבט האָט ער דאָרטן פון גראָז, און פון מאָך, און פון
קרויט,
און פון כריין — — —
אַ מענטש איז פאַרבליבן אַליין.

5

די תפילה.

די תפילה פון אַן אָרעמאַן, וואָס איז פאַרטייעט געוואָרן
און פאַר גאָט טוט ער אויסגיסן זיין האַרץ.
פאַרוואָס ווערט מען אַזוי געפּייניקט, גאָט!
וואו איך שטיי, בין איך צופיל פאַראַנען, און וואו איך גיי, טראָג נאָך איך מיט
דעם ריח פון דער פינסטערניש.
בין איך מקנא דעם פויגל, וואָס אים איז בעסער פון אונז,
און דעם ליים, וואָס אים איז בעסער פון אַלעמען.
וואָס זאָל איך טאָן מיט מיין האַנט, וואָס איז מיר איבעריק,
און מיט מיין האַרץ, וואָס איז מיר איבעריק?

ווילבע

פּאָעמע

1

אויף דיינע מויערן גייט ווער אַרומעט אין אַ טלית.
בּיינאַכט איבּערן שטאָט איז ער אַליין אַ טרויעריקער אויף.
ער האָרכט: די אַלטע אָדערן פון שאַרע דורכהויפן אין קלויזן
וואַכן, קלינגען, ווי אַ הייזעריקע האַרץ אַ שטייביקע.
דו בּיסט אַ תהילים אויסגעלייגט פון ליים און אייזן;
אַ תּפילה איז איעדער שטיין, אַ ניגון יעדע — וואַנט,
ווען די לבנה רינט אַראָפּ אין דיינע געסלעך פון קבּלה,
און ס'בּלייכט אַרויס די נאַקעטע און מיאוס-קאַלטע פּראַכט.
דיין פרייד איז טרויער — די פרייד פון טיפע בּעסער
אין קאַפּעליע, יום-טובים זיינען די לוויות,
און טרייסט — די קלאָרע, לייכטנדיקע אָרעמקייט,
ווי שטילע זומער-נעפּלען אויף די ראַנן פון דער שטאָט.
דו בּיסט אַ טונקעלע קמיע איינגעפאַסט אין ליטע,
פאַרשריבּן גרוי און אַלט אַרום מיט מאָך און מיט לישייעס;
אַ ספר איז איעדער שטיין, אַ פּאַרמעט — יעדע וואַנט,
צעבּלעטערט סודותדיק און אויפגעעפנט אין דער נאַכט,
ווען אויף דער אַלטער שול, אַ וואַסערטרעגער אַ געפראָרענער, —
דאָס בּערדעלע פאַרקאַשערט, — שטייט און ציילט די שטערן.

בײנאַכט איבערן שטאָט בין איך אַלײן אַ טרױעריקער אױף:
ניטאָ קײן קלאַנג. עס גליװערן די הײזער — קופּעס שמאַטעס,
נאָר ערגעץ הױך אַ חלבדיקע ליכטל טריפט און פלאַטערט, —
עס זיצט אַ בעל-מקובל אײנגעװעבט אין בױדעם,
װי אַ שפּין, און ציט דעם גרױען פאָדעם פון זײן לעבן:
— איז װער פאַראַן אַרום אין װײטער, קאַלטער פוסטעניש,
װאָס מיר, פאַרטױבטע, הערן די פאַרלאָרענע געשרײען?
און ס'שטײט פאַר אים רזיאל בלײך אין דער טונקלקײט
מיט אַלטע, פאַרמעטענע פליגלען אָפּגעקראָכענע,
און אױגן — גריבער אָנגעפילט מיט זאַמד און שפּינװעבס:
— ניטאָ. חוץ טרױער איז שױן גאָרניט מער פאַראַן!...
דאָס ליכטל טריפט. עס האָרכט דער גרינער ייד פאַרשטײנערט
און װיגט דאָס פינסטערניש פון מלאכס אױגנלעכער,
און בױדעם איבער בױדעם עטעמט אָפּ — די לונגען
פון דער האָרביקער באַשעפעניש, װאָס דרעמלט אין די בערג.
אָ, אפשר ביסטו, שטאָט, אַ חלום פון אַ בעל-מקובל,
װאָס שװעבט אַ גרױע אינדערװעלט, װי שפּינװעבס אָנהײב
יעסין.

3

דו ביסט אַ תּהילים אויסגעלייגט פון ליים און אײַזן,
און דײַנע אותיות וואָגלען, בלאָנדזשען אָפּגעקראָכענע:
יידן שטייפע, ווי די העלצער, ווייבער, ווי די לעבלעך ברויט;
קאַלטע, סודותדיקע בערד, די פּלייצעס אויסגעהאַמערטע,
און אויגן וואַקלענדיקע, לאַנגע, ווי די שיפלעך אין אַ טייך — — —
יידן דײַנע בײַ אַ זילבערדיקן הערינג שפּעט בײַנאַכט
שלאָגן זיך על־חטא: אָ, גאָט, מיר זינדיקן, מיר זינדיקן...
און די לבנה, ווי אַ ווייס אויג, אַדורך די שײַבלעך גלאָצט—
דאָרט זילבערן זיך שמאַטעס אָנגעהאַנגען איבער שטריק,
די קינדער אין די בעטן — געלע, גליטשעוודיקע ווערעם,
און מוידן האַלב שוין אויסגעטאָן מיט לײַבער, ווי די ברעטער — — —
שמאָלע, ווי די גאַסן זײַנען דײַנע כמורנע יידן;
שטומע שטערנס, ווי די ברייטע, גליווערדיקע ווענט פון שול־הויף,
און ברעמען מאָכיקע, ווי דעכער איבער דײַנע חורבות.
דו ביסט אַ תּהילים אָנגעשריבן אויף די פעלדער,
און ווי אַ ראָב זינג איך פון דיר בײַם שײַן פון דער לבנה,
ווײַל קיינמאָל איז די זון ניט אויפגעגאַנגען אין דער ליטע.

4

דיין פרייד איז טרויער — די פרייד פון טיפע בעסער
אין קאפעליע, א שווארצער איז דיין שטילער פרילינג.
ביימלעך וואקסן פונם מויער, גרעזער פון די ווענט;
דאס גרויע בליעכץ קריכט פארשלאפן פונם אלטן בוים
און בלאטיק שטייט די קאלטע קראפעווע שוין ביי דער ערד,
נאר קויט און אייביק גליווערדיקע ווענט אין נעץ.
און ס'טרעפט ביינאכט, א ווינטל טוט א טריקן שטיין אין דאך,
און א געשטאלט פון טראפנוואסער און לבנה־שיין
שלייכט דורך די גאסן זילבערלעך און ציטערדיק פארהלומט —
ס'האט די ווילִיע קיל און נעפלדיק זיך אויפגעהויבן,
און פריש, און נאקעט־הויל, מיט לאנגע, וואסערדיקע הענט,
אריין אין שטאט. די בלינדע שייבלעך קוקן אויסגעקרימט,
די בריקלעך רונד איבערגעווארפן אויף די מויערן.
א, קיינער וועט ניט עפענען א טיר, ארויסשטעקן דעם קאפ
צו דער ווילִיע אין איר דינער, בלויער נאקעטקייט.
עס שטויגן, ווי די בערג ארום, די מויערן מיט בערד,
און שטיל, און שטיל — — —

5

דו ביסט אַ טונקעלע קמיע איינגעפּאַסט אין ליטע,
און ס׳טליען קוים געשטאַלטן אין דיין אומרויקן גרונט:
די ווייסע, בלאַנקע גאונים פון ווייטער ליכט,
מיט ביינער שמאָלע, האַרטע, אויסגעשליפענע פון מי;
דאָס הייסע, רויטע העמדל פונם שטאָלענעם בונדיסט;
דער בלייער תלמיד זיצנדיק ביים גרויען בערגלסאָן,
און יידיש איז דער פּראָסטער קראַנץ פון דעמבענבלעטער
אויף די אַריינגאַנגען די הייליק־וואָכיקע פון שטאָט.
דאָס גרויע יידיש איז דאָס ליכט, וואָס פינקלט אין די
פענסטער—

אָ, ווי אַ גייער ביי אַן אַלטן ברונים אונטערוועגס,
זיץ איך דאָ און האָרך די רויע שטים פון יידיש.
און אפשר רוישט עס אַזוי שטאַרק דאָס בלוט אין מיינע
גלידער?

איך בין די שטאָט! די טויזנט שמאָלע טירן צו דער וועלט,
די דעכער איבער דעכער צו דעם בלאָטיק־קאַלטן בלוי.
איך בין דער שוואַרצער פלאַם, וואָס לעקט דאָ הונגעריק די
ווענט
און גליט אין שניידיק־שאַרפן אויג פון ליטוואַק אינדערפרעמד.
איך בין דאָס גרוי! איך בין דער שוואַרצער פלאַם! איך בין
די שטאָט!

6

און אויף דער אַלטער שול אַ וואַסערטרעגער אַ געפּראָרענער, —
דאָס בערדעלע פֿאַרקאַשערט — שטייט אין ציילט די שטערן.

ל״ו

א

אַ ייד גייט אַרום אויף פּאַרוואָקסענע שליאַכן,
פאַרשיפּורט פון ריחות, פון קרייטעכער־זאַפטן און בלוי —
האָט זיך זיין שטילע נשמה געבאָדן אין טוי;
האָט זי געוואַרט אויף דער הייליקער שעה פון דערוואַכן.

גייט זיך אַ ייד צווישן וועלדער, וואָס לאָזן ניט ריידן,
הערט ער זיך צו ווי דאָס לעבן אין האַרצן גייט אויס;
זעט ער, ווי ס'שווימט אַ פאַרשטויסענער שם אין גאָטס הויז,
ס'בלאָנדזשעט אַ רעטעניש אום און זי וויל זיך באַשיידן.

הייבט ער דעם קאָפּ צו די הימלען און פרעגט די מזלות:
— וואָס פאַר אַ שם איז פאַרטריבן פון גרויסן אין־סוף?
ענטפערט פאַרחלשט די זילבערנע בתולה פון שלאָף:
— געלויבט איז אַ כשרער ייד, וואָס גייט אָפּריכטן גלות!...

ב

גייט זיך אַ ייד צווישן שטעטלעך, פאַרגעסענע וועגן,
עס שמעקט פון אים היי און די פרישקייט פון נעפּלען און רעגן,
כאָטש גרוי איז דער ייד, ס'איז זיין פּנים משונה פאַרוואַקסן,
כאָטש אַלט איז זיין פעליק, כאָטש ער שווייגט, ווי אַן עלנטער
עקשן.
עס שלעפּט זיך אַ מענטשל אַזוי זיך פון אַלדי פאַרזומערטע
עקן,
אַליין אין דער וועלט שלעפּט זיך אומעט אַ גופל אויף עפּעס
אַ שטעקן...

אַ וועוועריקל ווינקט זיך אין וואַלד — גייט דער ייד, הערט עס
אויף זיך צו וויגן,
אַ פייגעלע זינגט אויף אַ צווייג — גייט ער דורך, ווערט עס
פלוצים אַנטשוויגן,
דער בוים בויגט זיך איבער צום בוים, ס'ווערט אַ צווייג אין
אַ צווייג איינגעפלאָכטן.
עס טריפט רויטער שיין פון דער זון, וואָס זעט אויס, ווי
געשאָכטן...

טיף אין וואַלד שפּילט אַזוי ווי אַ האַרץ: אַ געבעט ווערט
אָן כוונות פאַרגאַנגען,
אַ ווינטעלע ברומט ווי אַ טויב, און ער דאַוונט צום שם אין
געזאַנגען,
און צערטלט דעם יידן די אויגן, די קאָלטנס פון באָרד און
די פּאָלעס:
געלויבט איז אַ כשרער ייד, וואָס גייט אָפּריכטן גלות!...

בײַנאַכט. עס שמעקט מיט מאָך און קראָפּעווע פון געגנט,
די פעלדער האָבן זיך אין ווייטעניש מיט הימלען אָנגעגנט,
צונויפגענומען זיך צוויי שטילע עולמות און זיך פאַרשלאָסן...
דער חושך האָט פון ערגעץ פון אַ שוואַרצן קוואַל געגאָסן,
געבלאָנדזשעט האָט דער ייִד, געמוטשעט זיך אין שוואַרצן,
און ס'קוועלט דאָס פינסטערניש... פון נאַכט־קוואַל צי פון האַרצן?

מסתמא זוכט דער ייִד אַ ביסל לויטערקייט אין זײַנע לײַדן,
ס'פילט זײַן האַרץ שוין דאָס געזאַנג פון לויכטנדיקע וועלן,
וואָס פליעסקען זיך אַהינטער די פאַרבאָרגנע, שטומע שוועלן פון גן־עדן.

מסתמא קאָן דעם ייִדנס זינגענדע נשמה ווי צו זיך ניט קומען
און זײַן תּפילה די געהייליקטע פאַרוועלקט אין אירע בלומען —
גייט ער איבער רייסן, איבער ליטע, איבער פּאָסעקע און פליינען,
און זײַן האַרץ וויל עפּעס אויסריידן און וויינען, וויינען, וויינען,
נאָר די צונג געלײַמט איז צו דעם גומען.

די לבנה טוט אַ פינקל. ווײַסע ליכט נעמט שפּרודלען אויפן געגנט,
קילע שטרעקעס, דרעמלענדיקע, ווערן זילבערדיק באַ׳ענט.
מרחקים ווערן קלאָר... דאָרט שלאָפן בערג פאַרטײַעטע אין שווײַגן,

אין מיטן פעלד רוט צווישן כוואַשטשעס גאָר אַן אַלטער ברונען —
צוויי דעמבעס האַלטן איבער אים פֿאַרבראָכן די משונהדיקע צווייגן,
עס ווערט אַ געלבלעכער געוועב אויף טויזנט מיילן אויסגעשפּונען.
עס העלט אַרום. און ס׳איז דעם ייד ניט קלאָר, וואו ווערט עס העלער,
וואו רוט דער ברונען און די אַלטע אויסגעקרימטע ביימער —
צי אויפן אומעטיקן געגנט, אָדער טיף אין דעם נשמה־קעלער...
ס׳דאַכט אים, קוקנדיק אין ברונען, ער איז עס דער שומר
פון אַלטער פּראַכט, וואָס דאַרף געלייטערט ווערן,
פון גרויסער פרייד, וואָס דאַרף זיך דורכרייסן פון טרערן,
וואָס דאַרף פון טיפענישן אויפלייכטן און קוועלן, קוועלן...

פלוצים ס׳בידנע גופל אויפהייבן צו אַלדי שטראַלנדיקסטע העלן,
און טראָגן זיך אַ גרינג באַשעפעניש און ווייל עס זינגט זיך — זינגען...

ער זעט אין ברונען ריזלען שטילערהייט די וואַסער־רינגען,
דאָרט זיצן שווייגעוודיק די שאָטנס פון די דעמבעס... פלוצים ווערן זיי צערונען...
עס עפנט זיך דער גרונט, אַן אויג טוט זיך אַ וויז, אַ ווילדע וויע...
און ס׳ברומט אַרויס אַ שווערע שטים פון גרונט פון ברונען:
— הער, ווער ביסטו, בריאה?

עס שטייט דער ייד דערשטוינט און ווייס ניט, וואָס צו זאָגן,
עס האָט אים אין אַ קאַלטער ווייסטעניש דער פּיין פאַרטראָגן.
ביי אַ ברונען אינדערפינסטער, צווישן דעמבעס לאָמע,
קוועלט עס פון זיין האַרץ אַרויס דאָס שלעכטס מטמא,

ווי דאָס פּוילעניש פון וואַנד רינט אויס, ווען ס'נעמט זיך היילן,
ווי ס'פאַרוועלקט דער קנאָספּ, ווען ס'נעמט די פרוכט זיך שיילן...

עס הערט און הערט דער ייד, אַז ס'קלאָגט אין אים פאַרבאָרגן,
אַז ס'וויגט זיך זיין נשמה צווישן נאַכט-פּיין און פרימאָרגן:
זי זוכט וואָס טאַפּנדיק, געפינט, נאָר באַלד ווערט עס אַנטרונען,
עס האָט זיין זעלע אין איר וויטאָג זיך אַליין געריסן קריעה
און די טיפע שטים רעדט אַליץ מיט שרעק פון ברונען:
— הער, ווער ביסטו, בריאה?

דער ייד:

איך בין שמואל-איצע קוימענקערער,
אַן אביון אַ פאַרהונגערטער פון רייסן,
איך האָב געליטן שטומערהייט און כ'קאָן ניט מערער,
און כ'קאָן ניט מערער לעבן אויף צופלייסן.

איך בין אויף וויסטע בוידימער געקראָכן
און קוימענס לאַנגע, פינסטערע געקערט,
איך האָב אויף קאַלטע דעכער אָפּגעלעבט די וואָכן,
און נאָר שבתים אָפּגערייכט אויף דר'ערד.

איך בין שבתים נאָר געגאַנגען אויף דער ערד,
אויף גרויע גאַסן, שלאָפעדיקע, צווישן קראָמען,
אויף שטילע מערק שפּאַצירנדיק האָב איך דערהערט
די שטים פון טיפע ברונימער און תהומען.
אָ, גאָט, פון ברונימער, פון פינסטערניש און תהומען!

פון טויזנט קוימענס האָב איך אַש אַרויסגענומען,
פאַרוואָס קאָן איך ניט אויסשעפּן דעם פּיין, וואָס האָט קיין נאָמען,
פאַרוואָס קאָן איך דעם אַש פון האַרצן ניט אַרויסבאַקומען.

איך ווייס, איך בין געקומען פון געהיימע ברעגן,
וואו ס'גיסט זיך ליכט פון שיינענדיקע פוטער־פעסער,
וואו שרפים זינגען, שוועבן אויף דעם צדיקס וועגן,
איך בין אויף דער ערד דאָס ליכט פון ספירה כתר.

איך בין אויף דר'ערד אַ טראָפּן ליכט פון ספירה כתר,
אַדורך די גלידער די פאַרחלשטע און לאָמע
טוט ווען אַ צוק אַ פּלאַם, ווי פון אַ שאַרפן מעסער —
מיין אַש־פאַרצויגענע פאַרמאַטערטע נשמה.

פאַרוואָס פעלט אויס צומאָל אַ ביסל אָטעם אויף דער וועלט?
עס טוט ווען אומגעריכט אין האַרץ אַ טעמפּער ברען,
און ס'דאַכט: אָט רייסט זיך אויף אַ קוואַל, עס שטראַלט, עס העלט,
נאָר פלוצלונג נעמט אַלץ ווידער וועלקן, ווי געווען.

איך בין אַ ייד שמואל־איצע קוימענקערער,
ליג איך טיף אין קוימען פון דער וועלט און כ'שריי,
איך האָב געליטן שטומערהייט און כ'קאָן ניט מערער,
כאָטש ליידן וועל איך ווייטער סיי־ווי־סיי...

אַנטשוויגן געוואָרן. זיין האַרץ האָט גענומען אין העלקייט זיך באָדן,
אַזוי ווי אַ כמאַרע, וואָס האָט פון זיך רעגנס און פלאַם אויסגעלאָדן.
ס'דאַכט ר' שמואל־איצען: זיין לעבן איז לויכטנדיק־גרינגער געוואָרן,
אַזוי ווי דער שלאַנג, וואָס האָט פלוצלונג איר פעל־הויט די אַלטע פאַרלאָרן.
כאָטש פינסטערער קרעכטשעט די נאַכט, לייכטן העל זיינע אויגן די ווילדע
ביינאַכט, ווי דער גלי־וואָרים לייכט אין די טונקעלע וועלדער די ווילדע...

ס'פֿאַרשווינדן פֿון האַרץ די געפֿילן פֿאַרקוילטע פֿון פֿייער און צאָרן,
ווי ראָבן פֿאַרשווינדן פֿון בוים, וואָס איז איבערגעבראָכן געוואָרן.
עס לייגט אים זיין אָרעמער קערפּער, וואָס איז אים אַ מיאוס אַ טייער,
אַזוי ווי דער קאָרטש דער צעפֿוילטער לייגט בלוי מיט זיין פּאָספאָריש פֿייער...

עס שטייט ר׳ שמואל־איצע באַגליקט און ער שמייכלט אַזוי זיך,
ער קוקט אינם ברונים און מורמלט: אָט גיי איך, אָט גיין איך,
אָט ווער איך דערהויבן און אויסגעלייזט ווער איך פֿון וואָגלען,
אָט צופֿאַלן וועל איך צום שיין אין די אוראַלטע לאָגלען
און זויפֿן דאָס גליק און מיט שפּראָדלענדער פֿרייד זיך פֿאַרקלינגען,
אָט גייט ר׳ שמואל־איצע! אָט גיי איך אַ לויטערן מלבוש געפֿינען.
פֿאַר אָרעמע מענטשן אַ וואַרעמע קליידונג צום לעבן,
פֿאַר זיך און פֿאַר אַלעמען אָטעם אַ ביסל און פֿליגלען צום שוועבן, —
זאָל זיין ס'איז אונז שלעכט אויף דער ערד, וועט מען לאָזן זיך פֿליען;
אויב ס'איז אונז וועלקן באַשערט, וועט אונז טרייסטן דער שם פֿון אויפֿבליען...

אַזוי האָט שמואל־איצע געפֿילט און געמורמלט פֿון גליק,
כאָטש גרוי איז געווען זיין שעפּסענער פֿעלץ און זיין באָרד אין גענוק.
אַזוי האָט שמואל־איצע פֿון רייסן צום ברונים צום אַלטן געזעגנט;
באַגאָסן פֿון חושך, וואָס האָט זיך אַרום און אַרום אויסגעבעט...
נאָר פֿלוצלונג דערשפּירט ער, אַז עמעצער קריכט פֿונם ברונען.

ווייזט אויס, מען האָט דאָרטן שמואל־איצען די שעה ניט פאַרגונען:
אַ מענטשישער קאָפּ האָט פון ברונים זיך איבערגעבויגן,
געשוואָלן, פאַרוואַקסן מיט מאָך, מיט פאַרשלומפּערטע אויגן,
אַריבערגעוואָרפן די הענט אין פון זיי האָט גערונען
דאָס פוילעניש טיף פון דער ערד אין די בלאָטע פון ברונען,
אַרום האָט אַ רויך זיך געקייקלט, געפּאַרעט אַזוי ווי אַ נעפּל,
און ס'האָט ר' שמואל־איצע דעם ריח דערשמעקט פון צעלאָסענעם שוועבל...

עס איז אים אַן אימה באַפאַלן ניט איבערצוטראָגן,
ער האָט זיך געקאָרטשעט אויף דר'ערד און די וואָרצלען געריסן,
אַ זיפץ ניט געטאָן, נאָר דאָס לייב פון יסורים צעביסן
און שטום האָט זיין מאַנסבילשע האַרץ אָנגעהויבן צו קלאָגן.

דערשראָקן באַקוקט ער די בריאה, וואָס הענגט אויפן ברונען:
דאָס איז ער — דערזעט ער — דער אייגענער אומגליק, וואָס האָט זיך געפונען.
ווי ס'וואָלט זיך אים פּלוצלונג באַוויזן פון לעבן אַ ווייטערער שטאַפּל,
ער גורט אָן מיט פּיין זיינע לענדן און פּלוצלונג דערלאַנגט ער אַ צאַפּל,
ווי ס'וואָלט זיך אַ טויער געעפנט צו עולמות אומגעריכטע־נייע:
— ווער ביסטו, אין האַרצן פאַרוואַקסענע היה?

— סמאל, איך דער שם פון פּיין.

די צוועלף מזלות האָבן מילד געגאָסן שיין,
עס האָט דער זילבערנער אַרי אַראָפּגעקוקט מיט קאַלטע אויגן.

און ס'האָבן שטערן ווי די פייגעלעך געשטויגן און געפלויגן...
שמואל-איצע האָט פון מויל אַרויסגעבראַכט דעם שם פון ברוך:
פון דער נשמה איז אים גרינג אַראָפּ אַ זלידנע יאָך,
און פון זיין האַרץ האָט הייס אַ טראָפּן בלוט אַרויסגערונען
און קאָכנדיק אַריינגעטריפט אין ברונען.

סמאל:

איך בין דער שלעכטער שם, וואָס בלאָנדזשעט שוין פון כמה יאָרן,
פון אַלע עולמות פאַרטריבן, בין איך בלינד און גרוי געוואָרן.

איך ליג אין בלאָטעס, אין די ברונימער, און פייכטע היילן
מיט אַן אַייטערדיקן, ביזן האַרץ, וואָס קאָן זיך ניט פאַרהיילן.

פאַרשטויסן איז סמאל, אַלט, באַוואַקסן און פאַרברענט,
איך בין דער עלנטער בעל-שליטה אויף די גרונטן,
וואָס נישטערט אין דער פינסטערניש און גראָבט זיך מיט די הענט
צו די יסודות פון דער ערד, די סלופּעס און די שפּונטן...

עס קוועלט פון לויטערן אין-סוף אין אַלע הערצער פּראַכט
און ס'נידערט הייליקייט אויף דר'ערד פון ניין פערציק רערן,
באַהאַלטן אין די ברונימער, אַליין, מיט פולע וואַסערן פאַר-מאַכט,
כ'וועל פאָרט דערגראָבן זיך צום קוואַל פון טרערן.

כ'האָב אַמאָל אַ שפּונט דערטאַפּט שוין בלינדערהייט,
מיט לעצטע כוחות, מיט די ציינער האָב איך אים געביסן,
נאָר ס'האָט אַ שטילער ל"ו דערמאָנט דעם אָ'ס מיט פרייד,
און, ווי אַ שטיין, האָט מיך פון גרונט אַרויסגעריסן.

די ל״וו פון רייסן, זשאַמוט, פון דער ליטע
פאַרשאָלטן זאָלן ווערן פון סמאלס נאָמען; —
איך בין אַן אומגליקלעכער שם, וואָס דאַרשט נאָך שליטה,
און כ׳מוז זיך וואַלגערן פאַרבלאָנקעט אין די תהומען.

שמואל־איצע:

דו ביסט דער אומגליקלעכער שם פון כמה יאָרן?
פון כמה יאָרן בלאָנדזשען מיר, ווי דו!
אָ, כאָטש מיר שטאַרבן אָפט און ווערן ניי געבאָרן,
נאָר אַלע זיינען מיר דאָס אויג, וואָס זעט אַלץ צו.
עס האָט אין־סוף אונז אויף דער ערד פאַרזייט,
מיר זויגן פון זיין האַרץ און טראָפּנס פון זיין שיין —
מיר האָבן אויף דער ערד געזוכט שטילערהייט,
פון דיין, סמאַלס, בלוט, פון פינסטערניש און פיין...
איצט זיינען מיר אַ מענגע בייזע שלאַנגען,
מיט אַ נשמה אויסגעמישט פון גאַל און פראַכט,
אַ האַלבע איז זי רויק, אַ האַלבע רוט זי אין געזאַנגען,
און אויף משקולת וואַקלט זי זיך טאָג, ווי נאַכט.

נאָר כ׳ווייס פון איינע אַזאַ... מען ווערט גרעסער פאַר זיך...
און יעמאָלט גאָר איבעריק ווערן די מענטשישע רייד,
עס וואַרפט די נשמה אַראָפּ איר פאַרעלטערטע קלייד,
און פלוצים דערפילט מען: עס לעבט די נשמה צו גיך...
מען מיינט, זי פאַרצערט דאָס דאָס לעבן פון צענדליקער מענטשן,
וואָס גייען אַרום אויף דער ערד, נאָר זיי גרייטן זיך שטאַרבן,
ס׳צעזינגט זיך דאָס האַרץ, הייבט אָן הייליק צו דאַווענען און בענטשן
דעם אין־סוף פון שקיעות און זריחות אין אַלערליי פאַרבן...
עס קוועלט אַ געזאַנג פון די ביימער, פון שטיינער און חיות,
פּאַמעלעך, ווי דער פּאָמפּעדיקל פון עפּעס אַן אוראַלטן זייגער,

און איטלעכער מורמלט צום שם פון דער וועלט אויף זיין איי=
גענעם שטייגער:
דער שטיין זינגט מיט בושה, די וואַסערן שפּרינגען אין
קאַלטע העוויות;
דאָס פייגעלע בעט אויף אַ וויינענדיק=ביטערן קול,
און די וועלדער צערעווען זיך טיף, אַזוי טיף — — —
מיט אַמאָל —
עס לאָזט זיך דאָס לעבן אַוועק צו אַ הייליקן ברעג,
אין אַ גליקלעכן וועג, אין אַ פרייילעכן וועג אין אַ העלן — — —
סמאל, גיי מיט, שווים מיט אונז, מיט דעם הייליקן שטראָם
צו די אייביקע שוועלן.

סמאל:

עס וועט דער ס'ם ניט בעטן רחמים ביים אין=סוף!
ווען איר וועט לאָזן זיך צו אים, ווי בידנע שאָף
און איר וועט אויסשטרעקן די הענט צום קאַלטן שוועל,
וועל איך זיך אויפקאָרטשען פון פיין אין מיין צעפוילטער פעל,
ווי ס'קאָרטשעט זיך צונויף ביינאַכט אַן אַלטער הונט,
וואָס איז פאַרגאַוועט, אַלט און האָט שוין ניט קיין ציין,
איך וועל זיך איינשטשעמען מיט גאָר דער ביטערקייט צום גרונט
און כ'וועל אין חושכניש באַקלאָגן זיך אַליין...

סמאל איז אַליין אין=סוף אין זיינע אינגעווייט!
נאָר אַ פאַרמשפּטער פאַרשלאָסן אויף מיין קייט
קאָן איך קוים אויפהויבן דעם קאָפּ פון תהום...
פאַרשאָלטן זאָל ער זיין דער קדושה=שטראָם,
פאַרשאָלטן זאָלן ווערן קינד און קייט
פון חיות, מענטשן, פעלד און וואַלד,
וואָס בעטלען, ווי אביונים שטילערהייט
און נעמען ניט די עולמות מיט גוואַלט.

ד

אויפֿן הימל איז דער מאָרגנשטערן, ווי אַ הירש אַרויסגעגאַנגען;
ווי אַ הירש, וואָס בלישטשעט אויף דעם בלויען מענטעלע פֿון
ספר תורה,
די מזלות זיינען כיתותווייז אַוועק און פּונקט ווי לעמפּלעך
פֿון דער הייליקער מנורה,
האָבן יונגע שטערן אָפּגעריכט פֿון שחרית די געזאַנגען.

ר׳ שמואל־איצע האָט די אויגן אָפּגעווענדט צום
מאָרגנשטערן — — —
פּלוצים האָט אַ שטילע הייליקייט אַרויסגעשיינט פֿון אַלעם,
ר׳ שמואל־איצע האָט באַשיינפּערלעך דערפֿילט דעם כּוח פֿון
התגלות
און ס׳האָט זיין האַרץ געעפֿנט זיך — אַ קוואַל פֿון טרערן.

אַן איינגעביסענער פֿון שלאַנג, אַ גרויער, האָט זיין האַרץ
געצאַפּלט זיך אין קלעם,
האָט זיין נשמה ווי אַ פֿייער ברענענדיק געפֿילט קידוש־השם
און האָט געשעפּטשעט פֿון התלהבות און גרויס גלויבן:

— אָט איז זי געקומען די שעה, ווען איך ווער שוין דער־
הויבן!
די רויטע פּרוכתן נעמען פֿאַרהענגען דעם פּליין,
און עס איז שוין מיין פּעלץ פֿון דער ראָזעווער פּראַכט אַזוי
שיין,

עס נידערט פּאַמעלעך דער גאָלדענער כּתר אַראָפּ
אויף מיין קאָפּ...
אָט בּין איך אַ מלך אַן אַלטער, וואָס בּלאָנדזשעט בּאַגינען אַליין
און עס שלעפּט זיך אויף דר׳ערד זיין צעוואָרפענע, פּור־פורנע קלייד
און עס לייכט אים אַרויס פון די אויגן די הייליקע פרייד.

ס׳איז איצטער שמואל־איצע אַזוי ווי אַ טירקל־טויב גרינג,
ווי אַ פויגל, וואָס פליט פון זיין שטייג,
אַז איך שפּיר ניט דעם לייב, וואָס איך זינג
צו דער פרייד. וועלכע קוועלט פון אין־סוף...
ס׳איז צו לויטער ביים ליכטיקן שוועל,
אַז דאָס האַרץ ווערט פאַרוויגט אין אַ שלאָף...
ס׳איז דער שיין פון תפארת אַראָפּ אויף מיין זעל;
דער אור־גנוז, וואָס רינט ווי דער טוי
אויף די האָר פון מיין באָרד און מיין קאָפּ...
אָ, עס נידערט פּאַמעלעך דער גאָלדענער כּתר אַראָפּ!...

אַ וואָלקן בין איך און כ׳גיי זיך אָנטרינקען צום גרויסן ים,
אָט שטיי איך אַ שטילער אַליין לעם דעם רויקן ים,
פון טיפעניש לייכטן די לויטערע כוואַליעס
און גייען, ווי לעמלעך, אַ לאָם אויף אַ לאָם.
עס בויען זיך אויסעט קריסטאָלענע כּאַליעס
און ווערן צעגאַנגען אויף יעטוועדער קאַם,
אָט עפ׳נען זיך גרונטן און ס׳עפ׳נען זיך היילן
און ס׳שווימט דער לוויתן אַרויס איבּן ים;
עס ברענען די שופּן ווי טליענדע קוילן,
ער שווימט איבּן וואַסער — אַ הייליקער פלאַם.
אָט עפ׳נען זיך טירן פאַר שטילע פּמליאס,
וואָס פליען אַרויס אויף דעם שיינענדן ים,
עס זינגען מיר כוואַליעס און ס׳טראָגן מיך כוואַליעס
אַריבּער דעם גרינגן פאַרבּאָטענעם צאַם.

די גאָלדענע קרוין רוט שוין שווער אויף מיין גרייז-גרויען קאָפּ,
אָט הענגט אויפן הימל די קלאָרע געלייטערטע וואָג!
עס נידערט פון בלויעכץ פאַמעלעך די אַלטע מרכבה אַראָפּ,
אַרום אירע ווענטלעך — פאַרגליווערטע פייערן ווייסע —
איז פונקט ווי מיט פּאַסיקלעך נאַכט אויף דער ריינער מגילה פון טאָג
מיט פייער מיט שוואַרצן באַשריבן בכתב של חרטומים...
עס נידערט דער כבוד פון א״ס און עס פינקלען אַרום אים
מלאכימלעך גוטע,
ווי טייבעלעך שטילע,
אופנים באַרוטע,
און כרובימלעך העלע,
און זעלע מיט זעלע
און תפילה מיט תפילה,
ווי שיינענדע שאָטנס,
וואָס זינגען און שוועבן,
און שפרייטן די פליגלען
פונקט קנים, וואָס זיי לעבן...

עס נידערט דער כבוד פון א״ס אויף די טאָלן און הויגלען,
מלאכימלעך גיסן אויס עמערלעך טוי,
אראלימלעך גיסן אויס עמערלעך ראָז
און כרובימלעך גיסן אויס עמערלעך בלוי
אויף דעם פרישינקן פליין,
אויף דעם גרינינקן גראָז.

אָט בין איך אַ מלך אַן אַלטער, וואָס בלאָנדזשעט באַגינען אַליין...
עס טשוכעט קוים
דער באַגין אויף דער ערד,
און דער בוים וועקט דעם בוים,

קוים מען זעט, קוים מען הערט...
ניט געזאַמט, ניט געווערט,
ווי אויף פליגעלעך העל,
קוים מען זעט, קוים מען הערט,
פליט אַ הייליקע זעל,
און מלאכימלעך קליין
ביי דעם אייביקן שוועל
שיקן אָפּעט די זעל:
ר׳ שמואל־איצע איז הייליק ווי אין־סוף אַליין!

ה

די זריחה האָט זיך אויסגעלייגט אויף קרייטעכצער און גרינע זאַנגען.
אַ וועסנע־טאָג. אַ גוטער איז פון פינסטערניש אַרויסגעגאַנגען,
ווי ס'גייט אַ חתן פון דער חופה פריילעך און געלאַסן...
ר' שמואל־איצע האָט זיין פנים ביי אַ קרעניצע אַרומגעוואַשן,
מיט דער טאָרבע איבן האַנט, דאָס ווינטערדיקע היטל ביז די אויגן
האָט ער זיך צו אַ ישוב צו אַ נאָענטן געצויגן.

ער איז אַריין אין וואַלד, האָט אים אַ ליבלעכקייט אַרומגענומען;
עס האָבן זיך געשושקעט גרעוועלעך מיט שלאָפעדיקע בלומען,
ווי ס'שושקען זיך באַגינען יונגע כרובימלעך אין הימל,
און ר' שמואל־איצע האָט געהערט, און ר' שמואל־איצע האָט פאַרשטאַנען;
עס האָט אַ בלימעלע געפרעגט: פון וואַנען גייט אַ ייד, פון וואַנען?...
אַן אַלטע יאָדלע האָט אַ קער געטאָן אַ צווייג צום בלימל:
ר' שמואל־איצע לאַמעדוואָווניק גייט, וואָס איז שוין גלות אָפגעקומען...

אונטער דעם פארוויכערטן הימל.

אַ באַל...

מנה, מנה תקל ופרסין

עס קלינגען באַלויכטענע זאַלן
און ס׳קלאָגט דער אָרקעסטער — — —
די פּויקן פּאַרטויבן דעם טיפן געוויין פון די פידלען.
עס גראָבן די בעסער, ווי אַלטע קברנים מיט פינסטערע רידלען,

עס לאַכן קלאַרנעטן,
עס פלוידערט דער צימבל,
עס שרייען די מעשענע טעלער
און ס׳טאַנצן שטייף־רעקיקע הערן, וויים־זיידענע דאַמען,
העל, העלער און העלער...
און ס׳מישן זיך דאָרשטיק צוזאַמען
שוואַרץ־פלאַמיקע וואָנצן און צײַנדלעך צעבליצטע,
געגלעקלטע לאָקן,
די שניפסן, די שיכלעך געשניצטע,
י בליציקע בליקן
און זאָקן...
און שטום אין דעם הערצער־געצאַפּל
פֿאַרטרונקען
עס טוליען זיך נענטער די קניען
אַלץ נענטער, און שפּריצן מיט פונקען...

און פייער לאָזט אויסעט אַיעדער שוואַרצאַפּל,
און ס׳ציטערן, ציטערן וויען...

נאָר פּלוצלונג אַ וויאָלאָנטשעל טוט אַ קלאַנג אין אָרקעסטער...
ווי ס'טוט ווען אַ קלאַנג אין אַ וואַלד פון פאַרגעסענע נעסטער...
און בלוטיק די האַלבע לבנה טריפט דורך אין די פענסטער.
עס ווייזט זיך אַ האַנט —
אַ האַנט אַ צעקרימטע פון אַרבעט, פאַרשמידט אין אַ קייט,
לייגט אויסעט די אותיות פון בלוט אויפן וואַנט:
— טויט!...

און ס'טאַצן שטייף־רעקיקע הערן, וויס־זיידענע דאַמען
העל, העלער און העלער,
עס שרייען די מעשענע טעלער,
עס לאַכן קלאַרנעטן,
עס פלוידערט דער צימבל,
די פויקן פאַרטויבן דעם טיפן געוויין פון די פידלען,
און ס'גראָבן די בעסער, ווי אַלטע קברנים מיט פינסטערע
רידלען...

* *
*

קריגער! דיין שווערער פאַרברעכן זאָל וואָגלען פון דורות צו
דורות...
עס זאָלן די דראָטן אין ווייטסטע מדינות דיין חרפה צע-
טראָגן,
די שיפן, וואָס בלאָנדזשען אין ים, זאָלן שטום פאַר
דער וועלט זיך באַקלאָגן.
קריגער! דיין שווערער פאַרברעכן זאָל וואָגלען פון דורות צו
דורות...

אַ ריז אַ פאַרבלוטיקטער טראָגט אונז אַצונד זיינע גילדערנע
לוחות!...
איינאיינציקע רוסלאַנד, דו ליכטיקע ווײַ פאַר באַפרייונג,
זאָל פאַלן אויף גרוי רוינען דיין שטראַלנדע זון פון באַנייונג!
אַ ריז אַ פאַרבלוטיקטער טראָגט אונז אַצונד זיינע גילדערנע
לוחות!...

וואָס שטוינען די גרויזאַמע שטעט אַזוי שפּעט אין דער
פינסטער?...
די שטומע באַוואָרער פון גאָט פון דעם נייעם, וואָס
שטומען?
זאָל פּלאַצן דער אַייזערנער תהום און אַ ביטערע קללה
זאָל ברומען!
וואָס שטוינען די גרויזאַמע שטעט אַזוי שפּעט אין דער
פינסטער?...

קאָוונע.

קולטור

מיך האָבּן עלעקטרישע זונען בּאַגאָסן מיט גלי=ווייסע שטראַלן.
כ'פאַרנעם, ווי עס סודען זיך דאָרטן אויף טויזנטער הילכיקע מײַלן,
ס'רעדט פינסטער אַ לאַנד צו אַ לאַנד,
בּיי גרויזאַמע ווילדע וואָקזאַלן —
אַכסניות פון פעלקער, וואָס טראָגן זיך ערגעץ און אײַלן זיך, אײַלן...
איך זע זיי, די פינסטערע חיות — די לאָקאָמאָטיוון געשפּאַנט,
עס שטראַלן לאַנדשאַפטן אין גאָלדענע, שניי=רייניע, גרינע געמעלן,
אין אײַזערנע רייפן — מיט רעלסן פאַרשמידט,
און ס'ציען זיך צוגן אויף זיי דורך די בּערג און די שטומע טונעלן —
בּאַוועגלעכע קינדער פון בּאַרג=מינים, אַרץ און גראַניט...

דורך געלע מדבריות, דורך קובּישע שטעט, דורך די לענדער און לענדער,
עס שלעפּן זיך בּרוגזע בּאַנען,
צעוויקלען זיך צאַפּלענדע בּענדער
פון מזרח צו מערב, פון דרום צו צפון,
און שלינגען אַיין מערידיאַנען —
די מענטשישע שלוחים צום סוד פון די כּופן...
העי! ס'לייכטן מיר זונען דורך פּריזמעס פון שאַרפע קריסטאַלן,
כ'בּין דער מענטש. כ'בּין דער קיניג פון לענדער, פון שטעט און פון פינף אָקעאַנען,
איך בּין דאָס מעטאַלענע ליד, וואָס עס זינגען די בּאַנען
בּייטאַכט, צווישן וועלדער און טאָלן...

הענגט אַרויס די שוואַרצע פאָנעו...

הענגט אַרויס די שוואַרצע פאָנען!
העי, טוט אַ נעם די האַמערס, די קאָוואַדלעס און די העק,
אַרויס צום טויט, מיליאָנען!

אין חושכניש פאַרנאָסן, שטום, פאַרשטשעמעטע אין וויי,
אַרויס אויף שטעט און פעלדער,
שטום!
שטום!
שטום!
זאָל ברענען טיף אין האַרצן דער געשריי,
ווי שׂרפות אין פאַרוואַקסענע וועלדער...

הענגט אַרויס די שוואַרצע פאָנען!
שווייגט, ווי שטיקער ערד פון שטורעמס אויסגעריסענע
און זאָל די שטומקייט מאָנען...

אַרויס צום טויט, מיליאָנען!...

א ליד צו רוסלאַנד...

הענט — אָפּגעלאָשענע פון מיט,
אויסגעשטרעקט, ווי אָפּגעקראָכענע, געליימטע שלאַנגען...
אויפן הימל — הענט פאַרגאָסענע מיט בלוט!
עס עפענען זיך די פינגער קוים, קוים,
הונגעריקע פון פאַרהלשטע פאַרלאַנגען
און הענגען, ווי הרוגים, אויפן הימל=זוים...

הענט, אויסגעקרימטע הענט,
מיט האַרטע אָדערן אַדורכגעצויגן;
מגושמדיק פון שטעכעדיקן האָר
און ביינערדיק פאַרקרעמפטע אויסגעבויגן,
איר בעט, איר טאַפּט אין פינסטערניש, איר ווערט געוואָר ——
עס שטשעמען זיך צונויף אַ קלאַמער צו אַ קלאַמער, —
הענט, וואָס האָבן אויסגעגאָסן זייער פייער דורכן האַמער...

העי, אַרבעטס=פויסטן — מלכים פון דערוואַכן,
איר האָט אין אַלטע וועלדער, ווי אַ שטורעם אויסגעבראָכן,
עס האָבן בלוי געבליצט די זעגן,
און ס'האָבן העק, ווי דונערן געקלונגען,
און אייער שווייס געווען איז דער רעגן...

אין פֿאַבריק

ווי עס נעמט אויף טאָג נאָר בלאַסן,
ברויזן פֿינסטערע געזאַנגען;
פֿעט־באַפֿעכטע לעדער־פּאַסן
יאָגן זיך ווי שוואַרצע שלאַנגען...
און ס׳צעזינגען זיך מאַשינען
שטאַרק און טרויעריק צוזאַמען;
שפּריצן פֿייערדיקע בינען
אין געשריי פֿון אַרץ און פֿלאַמען...

רעדער... רעדער... רויך און פֿונקען...
און אין חושכניש פֿאַרטרונקען,
הערצער ווערן מיד פֿאַרלאָשן...
האַמערס ברומען... ס׳גליען גלידער,
ווי פֿון בראָנזע אויסגעגאָסן...
טיף געבויגענע ביים פֿייער
אָפּגעהלשט, מיד און מידער,
קנעטן זיי דאָס הייסע אײַזן,
און דער פֿלאַם טרייסט ליב און טייער:
ס׳מוז די זון, די זון זיך ווייזן!

אײַ, חבר, אײַ, חבר!...

אײַ, חבר, אײַ, חבר!...
דו ביסט אַרויס זיך שלאָגן, מיר האָבן דיך באַגלייט פון דאָרף
און באַווײנט דײַן געבײן.
געוואָרן איז דײַן פּאַטליע שטעכעוודיקער דראָט, דײַנע
וועלפּישע בײנער — פּאַרהאַרטעוועט אין די שלאַכטן.
מיר האָבן דיך געזען: דו ביסט געפלויגן איבער שטעט,
געשוואומען איבער טײַכן און פּאַרטריבן דעם פײַנט
פון אונזער פּאָטערלאַנד.
אײַ, חבר, אײַ, חבר!

אײַ, חבר, אײַ, חבר!
אויפן דײַנעם פערד ביסטו אַרויסגעריטן חרוב מאַכן די וועלט,
דער וואָראָן איז געפלויגן פאַר דיר — דײַן קול האָט אים
אָנגעיאָגט,
דו האָסט געזאָגט: אויבן אין הימל זיצט דער שוואַרצער
וואָראָן, — וועל איך אים אויך אַרונטערשיסן...
אײַ, חבר, אײַ, חבר!

אײַ, חבר, אײַ, חבר!
טויזנט מײַל ביסטו געפלויגן, ווי אַ פויגל, איבער רוסלאַנד,
טויזנט מײַל געהוליעט האָט דײַן שווערד, ווען דער ביקס
דײַנער האָט אָפּגערוט,
און פּלוצלונג אין דער נאַכט ביסטו געקומען ביז צו וואַרשע
דער שלײַאַכטישער...
אײַ, חבר, אײַ, חבר!

אַי, חבר, אַי, חבר!

ס׳האָט דיין ווייב דיך שוין בּאַווײנט אין קלויסטערל דעם הילצערנעם,
נאָר ווען דער פּאָפּ האָט אָפּגעזאָגט פאַר דיר די לעצטע פּאַטשערעם —
בּיסטו אין דאָרף אַריינגעריטן און מיט דעם שוואַרצן וואָראָן דעם דערשאָסענעם...

אַי, חבר, אַי, חבר!

אַי, חבר, אַי, חבר!
דו בּיסט אַרויס זיך שלאָגן, מיר האָבּן דיך בּאַגלייט פון דאָרף און בּאַווײנט דיין געבּיין.
געוואָרן איז דיין פּאַטליע שטעכעוודיקער דראָט, דיינע וועלפּישע ביינער — פּאַרהאַרטעוועט אין די שלאַכטן.
מיר האָבּן דיך געזען: דו בּיסט געפלויגן איבּער שטעט, גע־שוואומען איבּער טייכן און פאַרטרייבּן דעם פיינט
פון אונזער פּאָטערלאַנד.
אַי, חבר, אַי, חבר!

ע ר ד

עס טראָגט דיווירבל־פּאַליע אונזער שיף,
אונז טרייבט די דאָרשטיקייט אין טיפסטער טיף,
און צען מאָל אויסגעקערט, מיר וואַגן דאָך,
און זינגען שעמעוודיק פון אונזער בראָך:
אָ, ערד, אָ, ערדעניו, ווער זיינען מיר?
— מאַטראָסן פינסטערע ביי דיר, ביי דיר...

וואוהין?
וואו דאָס פינסטערניש ברענט ווי אַ הייסער רובין,
וואו דאָס שאַפעניש רינט פונם תוהו אין זיין,
וואו ס'געזאַנג קלינגט אָן קלאַנג און דאָס ליכט לייכט אָן שיין,
וואו די אייביקייט לייכטנדיק שמייכלט אונז העל,
צו דעם לויטערן שוועל!

עס טראָגט די ווירבל־פּאַליע אונזער שיף,
אונז טרייבט די דאָרשטיקייט אין טיפסטער טיף,
און צען מאָל אויסגעקערט, מיר וואַגן דאָך,
און זינגען שעמעוודיק פון אונזער בראָך:
אָ, ערד, אָ, ערדעניו, ווער זיינען מיר?
— מאַטראָסן פינסטערע ביי דיר, ביי דיר...

פאַרסמאַליעטע ערד פון די קאָסמישע שרפות.
דער פלאַם האָט דעם תוהו־ובוהו צעשמאָלצן,
און ס'זיינען צעפלויגן פלאַנעטן, ווי גילדערנע עופות,

אין הייסן געיעג נאָך אַ הימען אַ בלאַנקעוודיק שטאָלצן... צעשמעטערט אין שטראַליקע גרייסן, האָט פייער געשריען צו פייער,

אין ליכטיקע שטראָמען אַרויס פון די פינסטערע סופן,
דורך חושכניש־בערג — שטומע גליעניש־שפּייער,
אין גרויען געוויטער פון היציקע ווינדע שטאָפּן.
דאָס גרוי האָט געשטורעמט ווי רעדער פון רייטוועגן שווערע,
פאַרבלענדט פון פלאַנעטן־געזאַנג אויף באַליכטענע מיילן.
אָ, ערד, ביסט פאַרלאָשן אַרויס פון דער זינגענדער ספערע
און היילסט דיינע וואונדן, וואָס טליען אין רויִקע ווילן...

עס טראָגט די ווירבל־פאַליע אונזער שיף,
אונז טרייבט די דאָרשטיקייט אין טיפסטער טיף;
און צען מאָל אויסגעקערט, מיר וואָגן דאָך,
און זינגען שעמעוודיק פון אונזער בראָך:
אָ, ערד, אָ, ערדעניו, ווער זיינען מיר?
— מאַטראָסן פינסטערע ביי דיר, ביי דיר...

די ערד האָט גערוט
און געהוידעט זיך קוים
אין דעם פינקלענדן שוים
פון פאַרלאָשענעם גלוט.
אָפּגעקילט פונם ווינט,
זיך געוואַרעמט אַ זייט
רונד דער שטראַליקער ווייט
און געקייקלט זיך בלינד.
און די גלידער פון קיל,
אויסגעדרייט און צעפּאַלבט,
האָט די ליבע געזאַלבט
מיט אַ ליכטיקן אייל!
האָט איר לייב אויסגעהעלט
מיט אַ הייליקן ווינט,

האָט די ערד זיך צעגרינט
און צעשוואַרצט, און צעגעלט...
און האָט זינגעוודיק-פריש
זיך צעקאָלערט אין רוים
און געהוידעט זיך קוים:
אָ, ווי גוט און ווי גרינג
און ווי ציטערדיק-זיס...
ס'האָט פאַרגעסן די ערד,
אין איר פרייד אויפגעבראַכט —
זי ליגט העלפט אין דער נאַכט
און צום תהום אויסגעקערט...

עס טראָגט די ווירבל-פאַליע אונזער שיף,
אונז טרייבט די דאָרשטיקייט אין טיפסטער טיף,
און צען מאָל אויסגעקערט, מיר וואַגן דאָך,
און זינגען שעמעוודיק פון אונזער בראָך:
אָ, ערד, אָ, ערדעניו, ווער זיינען מיר?
— מאַטראָסן פינסטערע ביי דיר, ביי דיר...

יאָרן, —
שווערע קרענץ פאַרלאָשענע,
איר הענגט, ווי שלאַנגען אויף די שפיגלענדע פלאַנעטן,
די שטאָלצע, הייסע כאָרן
טונקלט איר, און פייערדיק צעגאָסענע,
עס ציטערן אַלץ טונקעלער די שטראַליקע געבעטן...
און דו, די ערד,
דו בלאָנדזשעסט אויסגעמאַטערט ווי אַ בלינדער פערד,
אַרומגעשלעפט יסורימדיק אין הינער-פלעט,
פאַרקרעציקט, אַלט, און אויף דיין גוף דעם רונדן
פוילן בלאָטערן, צערייצטע טיפע וואונדן, —
שטעט, אַנטשטומטע שטעט...

עס ליגט אין פינסטערניש ביים ברעג פון ערד אַ מענטש אַליין.
ס'איז העל אין אַלע רוימען. ס'זינגט דאָס קאָסמיש הויז.
אַדורך די הימלען בלענדנדיק אַ מוטנער שטראָם געוויין
פליִצט ברויזנדיק דורך ס'ליכטיקייט אין וויסטן תהום אַרויס...
אין פרייד-סימפאָניע — פון דער ערד די טרויעריקע
גאַמען — — —

עי! דאָס קערן זיך איבער פאַרכמורעטע ימען,
אינם חושך צערעווען זיך שטעט,
עס ברומט פון די סאָפּענדע קעסלען דער כאַאָס דער גרויער,
עס שרייט פון די פינסטערע הערצער דער שוואַרצער געבעט,
און שרעקעוודיק טוליען זיך מויער צו מויער...
עס קייקלט זיך שווערער דאָס עכאָ פון קרעכצנדע מאַכן —
די צוגעשמידט שטומע טיטאַנען
(ווי דער פּראָמעטעוס) צום שטינקעוודיק-אַלטן פּלאַנעט —
אין דער פינסטער צערעווען זיך שטעט...
עי, האַמבורג, לאָנדאָן, קאָפּנהאַגן, —
לידער אויסגעזונגענע פון דיכטער-מאַסן,
אַקאָרדן אַייזערנע פון קינסטלער-הענט, וואָס וואַגן,
אין שוואַרצן פערד געבויט, געריימט דורך פאַון-גאַסן —
איר שפּיגלט זיך, געשפּענסטער, הויך אין די צעשטראַלטע
ספערן,
איר פלעקט די העכסטע קלינגעוודיקע פייער-פאַלן,
דאָרט קאָכט דער מוטנער ערד-שטראָם, ברוינע בלוט און
טרערן.
העי, אַלטער גאָט, ס'וועט באַלד דיין הויז צעפאַלן...

עס טראָגט די ווירבל-פאַליע אונזער שיף,
אונז טרייבט די דאָרשטיקייט אין טיפסטער טיף,
און צען מאָל אויסגעקערט, מיר וואַגן דאָך,
און זינגען שעמעוודיק פון אונזער בראָך:
אָ, ערד, אָ, ערדעניו, ווער זיינען מיר?
— מאַטראָסן פינסטערע ביי דיר, ביי דיר...

די שטאָט

(פּאָעמע)

א

די שטאָט. מיר האָט אַ רײנער מלאך אָנגעװײט
אַ העלן טרױם פֿון שטילן, פֿינקלענדיקן אָװנט־רױט,
װען כ׳בין אין שטאָט אַרײן...

ס׳איז העל מײן װעג געװען — ניט טונקלקײט, גיט שײן,
די ראָזע דעמערונג האָט אײנגעהילט דעם װײט
און כ׳האָב געהײם געהערט אַ טױבן־קול: —
עס קלינגט די שטאָט אין שװערער שטראָמקײט,
עס ברומט די שטײנער־שטים אין יאָך פֿון שטאָל...

דאָך האָב איך שטיל געבענטשט מײן יעדן טראָט:
— עס װעט דער טאָג פֿאַרגײן, אין רײנע רו װעט טרײבן באַלד
פֿון פֿרישן פֿלײן, פֿון יעדן בלעטעלע אין װאַלד,
און פֿון דער שטומער גרױזאַם־שװערער שטאָט — — —
און רו בין איך. װעט װעבן זיך רונד מיר דער טרױם
פֿון אָװנט־ראָז, װאָס פֿליסט אין פֿון ראָזן הימל־זױם,
און צירט די װאָלקנדלעך, און ס׳העלט און װעלט
די אײנזאַמקײט, די װײכע אױף דער שטילער װעלט,
ביז נאַכט װעט קומען, נאַכט! אין שװאַרצע רו װעט זײן...
און כ׳בין אין שטאָט אַרײן...

שווער=שווער האָב איך געפילט דעם שטיין, מעטאַל אין אַרץ,
דאָס ביסל הימל=בלוי, די ראָזן, שילדן גאָלד און שוואַרץ,
די בריקן, ס'גרוי און טונקלקייט, דעם סעדער=הויך,
די מענטשן ווייס און ברוינס אין דעם פאַבריקן=רויך,
די גאַסן פול מיט קלאַנג פון טריט, מיט קלאַנג פונם גאַלאָפ,
און אייגן בלויס און פלאַם און שטראָמיקייט פון קאָפּ אויף
קאָפּ,

און פלוצלונג — כריזאַנטעמען, ציטריק=ווייסע כריזאַנטעמען,
און אַ דאָרפיש קינד מיט פעלד=געדוך אין אירע ברעמען...
קינד מיינס, קינד!... נאָר ס'לייכטן אין די פענסטער פייער=
שטיינער,

ס'פינקלען שפּאָרן, שוואַרצע צעפּ, עס בלאַנקען ציינער,
ס'וויגט זיך אַ געלעכטער קופּערדיק און וואָגיק=שווער,
אָ, שווער...
און דו בין איך. פאַרשמידט זיך אין אַ קאַלטן רונג די ברוסט
און וועבט אין שטאָט אַ טרוים, — וואָס קיינער ט'ניט געוואוסט —
אַזוי אַ יאָר, צי צוויי, צי אפשר מער.

ב

שווייגעניש שטיינערנע הענגט איף די שטיבער, די מויערן
ריזיקע קניען
און שלאָפן, ווי קעמלען, צעלייגטע אויף אָפרו, מיט אָפענע
מיילער און וויען.
עס גיסט זיך די שוואַרצמידע נאַכט אין די בוידימער, קוימענס
אין טרויבן,
און ס׳זינגט די לבנה אין איינזאַמער סביבה פון שטערן —
די זילבערנע טויבן...

די שטאָט טוט אַ זיפץ...
און די שטילקייט פּאַסט איין אין איר גרינלעכן צאָפּ נאָך אַ
שוואַרצן רובין,
און פאַלט מיד אין איר זייד=העלן שטול, וועלכער וויגט זיך
אין רוים אַזוי ציטערדיק=דין...
עס קרעכצעט אָפּ טיפער די שטאָט און איר קרעכץ ווערט מיט
ווייי אויפגעבראַכט — —
אָ, וואָס זיפצעט די שטאָט אינדערנאַכט?
אין איר פינסטערניש, טיף אין די קעלערן, שיילט זיך פון
שאָלעכטס אַ שלאַנג,
און איז פייכט אויפגעהאָדעוועט, דרייט ער זיך אונטער די
מויערן גליטשעוודיק=לאַנג...
האַלב=נאַכט הייבט ער מידיק דעם גיפטיקן קאָפּ און עס קלינגען
די רונגען פון שפּאָט.
אום האַלב=נאַכט זיפצט אָפּ שווערער די שטאָט — — —

און יאָרן געפּילטע מיט זונען, לבנהס אין רולאַנד פאַרגייען,
קומט נאַכט און די אינזיכקייט צײלט די פאַרלאָשענע, גרויע
  געשרייען,
דער פחד געהיימער קוקט אויס פון די פירהויזן, שויבן וואָס
  פעלן,
די אומרו די בלינדע קריכט אום ווי אַן אַלט-שוואַרצער הונט
  ביי די שוועלן...
און אויבן דער מילך-וועג רינט זילבערדיק-לויטער, און בלוי
  איז זיין וועלונג די קילע.
די רויקייט פליסט פון אים ציטערדיק-העל, ווי אַ וואָרטלויזע,
  זינגענדע תפילה...

חצות.
דאָס יתומדיק ווינטעלע ווייט,
דאָס יתומדיק ווינטעלע גייט,
אין דער שליחות דער גרינגער פון נאַכט,
ווען דער משמור דער ערשטער פאַרגייט...

חצות.
דעם תכלת-געוועלב וואַשט אַ טוי,
דער תכלת-געוועלב מישט אויס בלוי
די שטאָט, וואָס רוט רחבותדיק-שטום
אין איר קאַלכווייסער טורמונג און בוי...

חצות.
עס האָבן די גלעקער געקלונגען!

און בראָנזענע יונגען
באַפאַלן איז דעמאָלט אַ ווילן
צו שטילן
דעם צאָרן
פון יאָרן,
וואָס זיינען פאַרלאָרן...

און ס'האָבן די גלעקער געקלונגען!...

העי, לאָמיר גיין! לאָמיר גיין!
לאָמיר דאָ איבערלאָזן די שוואַכע...

די טירן פון וויט זיינען ברייט, זיינען פריי.
אונזער וועג איז באַהויכט מיט אַ טוי און איז ניי,
לאָמיר צייכ'נען די טריט — יעדן טראָט מיט אַ שטיין —
לאָמיר גיין! לאָמיר גיין!
לאָמיר דאָ איבערלאָזן די שוואַכע...
לאָמיר עפ'נען די טרויערען און שמידן די וואָר,
לאָמיר זוכן דאָס ליכטיקע ליד פאַרן דור,
אפשר היט שוין אַן איינזאַמער זינגער זיין בעט,
אפשר וועבן זיך קלאַנגען פון נייעם געבעט,
אפשר הייבן זיך האַמערס פון דאָ און פון דאָרט,
און עס גליט און מען שמידט דאָס באַפליגלטע וואָרט,
לאָמיר קינדער פון שטראָם
און פון נאַכט און פון תהום...

לאָמיר גיין! לאָמיר גיין!
לאָמיר דאָ איבערלאָזן די שוואַכע...
ווען ס'לעשט זיך דער אָפקלאַנג פון אָדלערס געשריי,
לאָמיר טרעטנדיק ווייטער, אַ ריי נאָך אַ ריי,
טרינקען מוט פון די בערג, זינגען ס'ליד פון דער נאַכט
און מיט מוט און מיט וואוט לאָמיר זוכן די שלאַכט
לאָמיר דאָ איבערלאָזן די שוואַכע...

און ס'האָבן די גלעקער געקלונגען...

פון טיפנאַכט געדרונגען,
זיי גייען, זיי גייען,
אין פינסטערע רונגען,
אין אומקלאָרע רייען,

צוזאַמען,
צוזאַמענגעדרייט
האָט זיך ס׳פאָלק מיטן הייליקן טויט
און ווי צונגען
אין פלאַמען
פאַרלאָרן —
אַן אײנגוס געוואָרן — — —
זיך פלוצלונג צעפלאַטערט אין רויט=ברייטע פעגער,
זיך פלאַמיק צעשמעטערט,
אַלץ העלישער=העליש צעבלעטערט.
אַלץ שטראַליקער, בלוטנדיק=שענער.

און ס׳האָבן די גלעקער געקלונגען...

העי! נעמט מיך מיט:
זאָל אין פינסטערן גאַנג איך מיין לויטער געמיט
שווייגן שטום, ציילן פינסטערע טריט
ביי דעם תהומיק=געזאַנג...
ס׳האָט מיין קיזל=שטיין=שטאַם
פון די קוואַלן מיט סם
שוין געטרונקען פון לאַנג — — —
איך גיי מיט, מיט מיין העל=גייסטן ליד,
פון מיר הערט זיך די נאַכט,
נאָר מיר לייכט שוין די זון אין געמיט — — — ;

און עס האָבן די גלעקער געקלונגען...

ס׳איז די זון! ס׳איז די זון??
עס האָט וואָס זיך צעבלישטשעט, צעפייפט אין צעשפריצט ווי אַ פונק=קנויל,
דער רייף=רויטער שלאַנג האָט פון שטאָט=תהום אַ צי זיך געטאָן רונד דער ערד=קויל...

ג

די שוואַרצקייט ראָזט. ס'איז פריש דער צערטלעך־יונגער מאָרגנשטערן.
ער טענצלט גרין און טריפט מיט זילבערנע פאַרבאָרג'נע טרערן.
געלייטערט ריין דורך נאַכט האָט זיך די גרויע, אַלטע ערד,
די דרעמלט, עטעמט גרינגער־גרינגער, טשוכעט זיך און הערט:
די שווערע זון פון טאָג־לאַנד קייקלט זיך און קלינגט מיט רויט.
ס'איז שטיל. דער מאָרגן־משמור שטייט לעם נאַכט־טיר גאָל־דיק גרייט,
ער הייבט די שוואַרצע פאָרהאַנגען און מורמלט גליקלעך־העל:
די זון איז דאָ! די זון וואַרט אָט־אָ־דאָ ביי אונזער שוועל...
די שטעט, ווי געטער אויף דער ערד, פון פינסטער אויס־געלייזט,
אין שווערער איינזאַמקייט, אויף טונק'לע שטרעקעס זוכן טרייסט...
ס'איז גרויס די שעה פאַר דעם באַגין; אין אומרו מיד און מידער
שטוינען שטעט מיט גרויע נאַקנס, קאַלטע בריסט און גלידער...

עס חברט זיך די שטאָלצע זון מיט געטער־שטעט, מיט ברידער...

אין שטאָט. ס'איז אַ פאַרטאָג. מיין שאָטן איז אין נאַכט פאַרבליבן...
איך גיי אין גאַסן און באַשווער, דאָס האַרץ זאָל ס'לעבן ליבן...

דער יחוס־טרוים פֿאַרלאָשן זיך, וואָס ט'העל די זעל געצונדן,
איצט ווי־הויך ווינטלט, קילנדיק די פֿרישע, אַלטע וואונדן.
מיר ווינט אין האַרץ די מגילה־שוואַרץ פֿון דור צו דור געטראָגן,
באַגאָסן פֿריש מיט טוי, מיט בלוי־געזאַנג פֿון תהילת־טאָגן...
אָ, היים, מײַן היים! איך זוך די שטריק, וואָס פֿירן צו די גלעקער.
ס'איז ווײַסטע קעלט, משיח פֿעלט — זאָל זײַן דער גלאָק דער וועקער...
דער געלער פֿלאַם פֿון מעש זאָל שווער אויף אַלע שטעטלעך ברויזן,
טויבן, קלינגען אין די שויבן, וואו די שכינהס הויזן...
דער וועג איז גרוי. איך שטיי און בלאָנדזשע, פֿילנדיק דעם טרוים דעם טריבן,
אין וואַנדער־גאַנג איז פֿריש נאָך מיר דאָס גלות־ליד פֿאַרבליבן.
איך גיי אין גאַסן און באַשווער דאָס האַרץ, זאָל ס'לעבן ליבן...

בין איך אַלט? בין איך יונג?
אָ, מיך האָט שוין באַוויגלט אַ פֿישופֿדיק רונג...
ס'איז באַלאָדן דאָס האַרץ
מיטן טרוים פֿון דער היים,
מיטן טונקעלן סוד,
און געזאַלבט פֿונם אייביקן שמאַרץ
גיי איך טריב
אין דער פֿינסטערער ראָד,
און מוז לעסטערן אַלץ, וואָס ס'איז ליב,
באַטש איך בלוטיק געדיים — — —

ס'איז אַ וואָגשאָל די זעל:
לעם דער ליכטיקער טיר

ווענט זיך ס'ליד, וואָס איך שפּין
(עפּעס טונקלס און העל),
און ווער ווייס, אָ, ווער ווייס, צי ס'געווין,
צי כ'פאַרליר...

ס'בייט אַ וואָך אויס אַ וואָך,
ס'אײַלט אַ שעה נאָך אַ שעה,
וואו אַ וועג — דאָרט בין איך,
וואו אַ שטאָט — בין איך דאָ.
כ'בין מתפּלל צו זיך,
ווער פאַרשטייט מיין געבעט?
ס'איז אַ גרענעץ מיין איך
צווישן וועלדער און שטעט...

בין איך אַלט? בין איך יונג?
אָ, מיך האָט שוין באַוויגלט אַ כישופדיק רונג...
— — — — — — — — —
— — — — — — — — —
און וואַנדער ביז אָוונט. — — — — — —
— — — — שטיל ווער איך פון בלאַב-שיין געוויבערט,
דער טרויער-געמיש פון די הימלען די גאַסן באַצויבערט,
די ראָזעווע הייליקייט לייכט אַזוי ריין אין די ברוסטן,
און ס'דאַכט: ס'איז דאָס לעבן געריינינקט נאָך גאָר פון אַנוּמטן...
איצט ליכטיקע גרינקייט וואַשט ווייך, ווי אַ באַלזאַם, די גלידער
און ציטערדיק שיינען פאַרשוואומענע זעונגען ווידער...
וואו טרעפט מען דאָ וועמען, וואָס זאָל מיך, פאַרבלאָנדזשעטן, פילן,
זאָל זאָגן: איך קען דיך, מיין פריינד, פאַר אַ מענטשן אַ שטילן,
האָסט רו נאָר געלייערט און קיינעם באַשווערט מיט דיין לעבן—

כ'האָב קיינעם באַשווערט מיט מיין לעבן... ס'וועט עלנט זיך וועבן
מיין אָטעם-געוועב אויף דער וועלט ביי פאַרריגלטע טירן...
און שפּירונגען שטילע ווי נעפּלען מיין זעל וועלן צירן...

עס שאַריעט אויף נאַכט. שטומע מויערן טיפן זיך אַיינ'עט,
איך עפן אַ טיר און פאַרנעם ווי די נאַכט-מלכּה טענהט:
— ס'איז איינזאַם דער מענטש, ווי אַ פייגעלע איינס אין די סעדער,
איר שטימעלע טריפט אין דער פינסטער פאַרגאַנגען, און יעדער
באַבלעטערטער בוים איז אַ גוס פונם פּחד געשמאָלצן. —
איך שטייג אויף די טרעפּ אין אַ מויער אַן אומעטיק-שטאָלצן.
עס עפּט זיך רויק אַ טיר אינם אייבערשט גאָרן,
איך שטעל זיך אין דורכגאַנג און מורמל „גוט נ'אָוונט!" פאַר-לאָרן...

דאָס הויז איז מיד מעבלירט. אין פיינער עלנטקייט צעפּאַלן די פּאָרטיערן.
ס'גליט ווייך אין זייער רויטלעכקייט דער שיין פון טונקעלע באַגערן...
אין אַלע צימערן וויט רויקייט, די שטילע זיפצן פון אַ קראַנקן.
און ריינע פרייד פאַרלאָשענע דורך פינקלענדע געטראַנקען...
די שטולן עטעמען מיט לינדער בענקשאַפט פון די אָוונט-בלויען,
טריפן ביט אַ דינעם אַראָמאַט פון קערפּערס צערטלעכע פון פרויען.
די רוימען פילן נאָך פון קליידער ייִדענע דאָס שאָרכן,
אין טיפן ווידערטרוים די ווענט פאַרנעמען עס און האָרכן, האָרכן...
עס שלאָפן אַיין די ברייטע, ברוינע רויקע בופעטן,
די ווייסע אויוועלעך, די שטומע מעלאַנכאָליש-שווערע בעטן.
צוויי מיידלעך שטילע, מיד באַרוטע, טונקעלע געשטאַלטן,

אַן אָפֿן נייער בוך, און בילדער אויף די ווענט — די טרוימער
נאָכן אַלטן...
עס רוט די איינזאַמקייט אין אַלע גלעזער, טוליעט זיך אין
ווייכקייט צו די שוועלן
און גיסט די דילן אָפּ מיט ווייכע וועלן...

גוט נ'אָוונט: די שטילע געשטאַלטן,
וואָס טרוימען אין רויקע ווינקלען
און גאַרן אין שאָטן באַהאַלטן,
פֿאַרטונקלען די זעלעס, וואָס פֿינקלען...

אַ לויב צו דעם הינטערן לעבן!
צו די, וואָס אין טונקלקייט מיינען
דעם נאַקן און פּנים פֿאַרוועבן
און הערן פֿון זייט די געוויינען...

געבענטשט זייט, איר שטעטישע בענקער,
(וואָס שווייגן, פֿון פּחד געבויגן)
דאָס בלוטיקע העמדל פֿון הענקער
לייכט הייליק אין אײַערע אויגן...

אַ לויב צו די יידישע טעכטער.
אַליין, ערגעץ-וואו אין אַ מויער,
באַהאַלטענע איינזאַמע וועכטער
פֿון טרויער, פֿון אייביקן טרויער.

איך קום צו אײַך פֿול מיט אָפּקלאַנגען
פֿון גלעקער, איר זאָלט זיי פֿאַרנעמען,
פֿאַרמישט איז דאָס האַרץ מיט געזאַנגען
און כּ'פֿיל אין זיי אײַערע נעמען:

אָליע און מרים!
מיד־מאַטאָווע, בלאָנדזשענדע טענער...
פאַרפלויגענע איינזאַם פון אונטער די ברוין־רויטע פענער.
דאָס רויט האָט געפּלייצט פון די שטאַנגען אין ברויזנדע
פאַלבן,
האָט ביטער פאַרטרונקען די מחנה... איך, ליבינקע שוואַלבן,
פאַרצאַמט אינם בלוטיק־געוויטער,
די שטים־אָפּגענומען...
פליט, פייגעלעך שוואַכע,
צוזאַמען,
רונד, — שווערע געמיטער,
געזאַלבטע צו ראַכע,
שטומען,
ברומען, ווי פלאַמען...
דאָס האַרץ אָפּגענומען,
די שטים פון די אויגן...
דאָרט אונטער די פענער
פון חצות־נאַכט באַנאָסן,
האָט איר זיך געצויגן
אין ריי מיט פרעמד־פינסטערע מענער,
טיף שווייגנד געשלאָסן.
צוריק און אַרום און פאָראויס — — —
די שוואַרצע נאָר שוואַרצאַפּלען טליען,
און ס'האָט זיך געלאַגערט אַ הויז אויף אַ הויז,
און ס'האָבן די גלעקער געשריען...

אָליע!
ס'האָט קלינגענדער גינגאָלד באַשווערט דיין געהער,
ס'האָט מילד דיך געפּייניקט די לאַסט פון אַ ליכטיקער טרער,
עס האָט דיר דער אָטעם פון לילִיען צעדרייצט פאַר׳עפּילן
צו עמעצן־וואו צווישן בלומען...
דאָך האָסטו געלעבט אין די רייען,

ווען ס'האָבן זיך נאַכט־בערג צענומען,
דאָרט אונטער די גלעקער געשריען...

דו זיצסט ביי דעם פענסטער,
דער אָוונט דער ציטערדיק־בלויער, דער פאָרכטיק־גע־
בענטשטער
רוט גרינג אין דיר, זינגענדיק אומקלאָרס פון לעבן...
אָ, איצט איז די שעה פון נשמה, וואָס וויל זיך פאַרגעבן!
די לויטערע רונדקייט פון אָרים פון דיינעם
זינגט שטיל, שטיל... און אַ ריטם א צניעותדיק־פיי־
נעם — — —
מיר זיינען אין וואונדערלעך אָוונט־געצעלט, —
די זוונגען לייכטן און ריינע און איינע נאָך איינע פאַרגייען — —
באַלד, באַלד — די וועלט גייט אוים, די אַלטע וועלט
אין טיפע וויען....

ד

באַגינען. איך האָב זיך געפּעדערט. די שטאָט רוט אין קלעם.
דער טאָג, ווי אַ ראָזעווער זקן הייבט ציטריק זיין ליכטיקע ברעם
און פינטלט אין טונקלקייט, פינקלענדיק פישופדיק-פריש...
עס שמייכלט מיר שלעפּ'ריק דאָס בראָנזענע פערדל פון טיש:
גוט מאָרגן!
גוט מאָרגן, גוט יאָר!
איך ליב אים, דעם קאַלטינקן, שוואַרצינקן פערדל, ביז גאָר,
מיין פרייד אויף דער וועלט! אָ, איך וויים, ווער ס'וועט
בענקען נאָך מיר:
דאָס פערדעלע קליינס, די קאָטשערע שטיל ביי דער וואַנט און
די קליאַמקע פון טיר...

כ'פאַרלאָז היינט די שטאָט!
ס'איז מיין אורוועג געצווייט, און געציילט איז איטוועדער טראָט.
ס'ליגן דערפער און שטעט,
און מיד וואַנדער איך צווישן פרי-טאָג ביז שפּעט...

מיין צימער איז פריש פונם קילן באַגין אָפּגעפרישט,
שטילע רויטלעכקייט טריפט. גאָלדיק-בלוי ווערט די לופט
אויסגעמישט.
עלנט פיל איך אין צימער, ווי ס'הילכן די ליידיקע גאַסן...
כ'פיל טויזנטער-טויזנטער פענסטער. די פליגלען פון נאַכט
נעמען בלאַסן...

די שאָטנס — צעזעצט ביי די ווענט — מאַכן ס'צימערל שטומער,
מיין פּעקעלע דרעמלט אין ווינקל און באָדט זיך אין טונקעלן קומער,
איך זיץ ביחידות ביים טיר. אונטן קלינגען שוין שליסלען ביים טויער...
פּאַמעלעכן גיי איך פון צימער, ווי כ'וואָלט זיך געגנבעט פון טרויער...

גאַסן!
שטייגן שטיינערנע פאַר שטראָמענדיקע מאַסן,
שטומע שטיקער, שטיינער שטומע, שטאַבעס, שטיקער שטאָל און אייזן
אויפגעטורעמט גאָרנדיק אין לענגען, פירעקן און קרייזן...
ס'לעבט אין אייך דער צער און ווי פון שוואַרצער ערד, וואָס טרויערט,
ס'איז אין אייך דער גרוי-געשריי פון הערצער-אַרץ פאַרמויערט,
ס'גליט אין אייך דער גיפט פון דור, וואָס טריפט אין די געמיטער.
ס'קלינגט אין אייך דער גלעקער-קלאַנג פון שטראַליקן געוויטער...

כ'בין איינער אויפן גאַס אין גאָלדיק-זיידענעם באַגינען!
כ'הער ווייט-ווייט אַרום די שטרעקעס רחבותדיקע גרינען,
די פעטע, פרישע, וואַרעמע און שוואַרצע פליינען —
זיי קילן זיך פאַרחלומטע אין וועטער-שטראָם דעם לינדן,
אַראָפּהאַנגען פון בערג שווער-נעפּלדיקע שטוינען
און ס'ריזלען אונטער זיי די יונגע פרילינגס-אינדן.

איך גיי אין דאָרף, וואו אַלטע כאַטעס וועבן
די שטילע פרייד פאַר דעם פאַרטיילטן גייער,
וואָס בלאָנדזשעט גלייך מיט מיר פאַרביי דעם לעבן
און רופט און שילט און קלאַפּט אין זיין פאַרמאַכטן טויער.

און רופט און שילט און קלאַפּט אין זיין פאַרמאַכטן טויער...

פאַרוואונדערט פרעגן מיך די טויער־וועכטער:
— וואָס איז, דעם וואַנדערער, די נאַכט פאַרלאָפן?
צי דען געפעלט ער ניט די הייסע טעכטער?
צי דען — — — — — — — — —
עס יאָגט מיך חוצפּהדיק אַן אַלט געלעכטער.
איך בין פאַרשעמטערהייט פון זיי אַנטלאָפן...
— — — — — — — — —
— — — — — — — — —
— — — — — — — — —

וועלדער, וועלדער, גרינע אייביקייטן!
דאָס מיד־באַשעפענישל קומט
פון שטאָט, אין די באַוואַלדטע וייטן,
וואו אייער שווייגעניש די גרינע ברומט...
אָ, וועלדער, גרינע אייביקייטן!
ס'איז שפּעט, אָפּנים, שפּעט!
עס שרייט דער ווירבל־פלאַם פון אָנגעגליטע שטעט,
דריי רוחות רויט און אייזערנע אַדורך די וועגן רייטן,
אַדורכן רויך און רויך, פאַבריקן, גרויס און טעלעגראַפן־דראָטן
און ווילד צעווילדעוועטע שטרייטן:
דער פלאַמיק־מענטש, דער שטאָט־שר און דער שטן — —
אָ, וועלדער, וועלט־טיטאַנען!
ס'פאַרטויבן הייזעריקע אייזנבאַנען
די שטילע וועלט...
ס'איז וויסטע קעלט!
איך לויף געמיין, געיליכט און מיד פון שטרייט,
אַליין...
ס'איז ווייטע צייט!
דער טויט־באַגלייטער, רויטער רייטער רייט!

מינסק 7/IV 1919.